STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04731

# DI KUNST TSU HEYRATEN

Paolo Mantegazza

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# די
# קונסט צו הייראטען

פון

**פראָפעסאָר פאול מאָנטעגאַצצאַ**

איבערזעצט פון ל. קעסנער.

פערלאַג פון
S. KANTROWITZ, 129 LAFAYETTE STREET, NEW YORK

צו די אונגעדולדיגע, וואָס ווילען הייראַטען צו פריה; צו די פערשייטע, וואָס הייראַטען צו שפעט; צו די שרעקענדיגע, וואָס שאָקלען זיך צווישען יאָ־הייראַטען און ניט־הייראַטען אַזוי לאנג, ביז עס ווערט צו שפעט,

ווידמעט דיזעס בוך אַ מאַן, וואָס האָט זיך געפיהלט גליקליך אין זיין ערשטער חתונה, און וואָס האָפט צו פיהלען זיך גליקליך אויך אין זיין צווייטער; אַ מאַן וואָס גלויבט, אַז די חתונה איז, ניט קוקענדיג אויף איהרע פיעלע חסרונות און געפאַהרען, נאָך אַלץ דער בעסטער אופן צו פערבינדען אַ מאַן מיט אַ פרוי, ווענינגסטענס ווייניגער שלעכט ווי אַלע אַנדערע שלעכטע אופנים.

פּראָפ. פּ. מאַנטאגאַצאַ.

(איינלייטונג)

## צווישען צוויי געפאַהרען. —
## זאָל איך יאָ הייראַטען אָדער ניט הייראַטען?

פאַר'ן גרעסטען טייל פון אַלע מענער איז, דרייסיג יאָהר בסדר, דער פערלאַנג נאָך ליעבע דאָס שטאַרקסטע געפיהל פון אַלע מענשליכע געפיהלען. דיזעס געפיהל בעהערשט די מענער ווי אַ טיראַן, און עס קען קיין אַנדער גרענעץ ניט, ווי נור דעם שוואַכען גרענעץ אין דער געשטאַלט פון געזעץ־ביכער, וועלכע קיינער לעזט ניט, און אין דער געשטאַלט פון געזעלשאַפטליכע זיטען, וועלכע מען קען זעהר לייכט איגנאָרירען.

אויף וואָס פאַר אַן אופן בערוהיגט מען דעם דאָזיגען גליהענדען פערלאַנג פון די מענשליכע ליידענשאַפטען?

אויף דריי אופנים:

1. מען קויפט זיך ליעבע, אזוי פיעל און אזוי פיעל מאָל אין מאָנאַט אָדער אין יאָהר, לויט די בעדערפענישען.
2. מען רויבט ליעבע.
3. מען האָט חתונה.

דיזע דריי ליעבעס אַרטען שיינען צו זיין הימעלווייט פערשיעדען איינע פון דער צווייטער; יאָ, אויפ'ן ערשטען בליק דוכט זיך אויס, אַז די דאָזיגע ליעבעס־אופנים זיינען דריי קאָנטראַסטען, וואָס קענען ניט געהן צוזאַמען, וואָס פיהרען איינס געגען צווייטען אַן אייביגען קריעג. אָבער עס שיינט נור אַזוי. אין אַ געזעלשאַפט, וואו צבוע'טסטוואָ פיהרט דעם רודער (און אין אַזאַ געזעלשאַפט לעבען מיר היינט) לעבען די דערמאָהנטע דריי ליעבעס־מעטהאָדען ברידערליך צוזאַמען און שלאָפען אין איין בעט. מיט דער הייבעליי אלס קאַפיטאַן, שווימען מיר מיט אונזער ליעבעס־

שיף דורך ים׳ען פון שמוץ, כיטרע אויסמיידענדיג די שפּיציגע פעל־זען פון געזעץ...

מיר גליטשען זיך אויפ׳ן שטילען טייכעל פון חתונה, אָבער מיר בלייבען אַזוי נאָהענט ביים גרינעם ברעג פון פרייער ליעבע, אַז פון צייט צו צייט רייסען מיר דאָרט אָפּ אַ בלום... אָדער אונזער שיף קוליעט זיך אויפ׳ן שטורמישען ים פון פריי־רויבערישער ליע־בע, אָבער אין דער זעלבער צייט זעגלען מיר אין דער לענג פון ברעג פון יענעם פּאָעטישען, שטיל־גן ערד׳דיגען אינזעל, וואָס רופט זיך „אייביגע ליעבע". און אָט אויף אַזא אופן זעהען מיר ביי איין טיש און אין איין בעט זנות און פאַמיליען־גליק, טריילאָזיגקייט און שבועות פון אייביגער ליעבע, מלאכים און טייוואָלים. מיר זעהען זיי זיצען צוזאַמען ביי דעם זעלבען טיש, פריעדליך, ברי־דערליך, אָהן בושה און אָהן געוויסענסביסען.

פאַר׳ן היינטיגען מאַן האָט די ציוויליזאַציאָן געעפענט דריי וועגען, וואָס פיהרען צו ליעבע. דאַכט זיך, אַז ער וואָלט זיך בעדאַרפט אויסקלייבען פון דיזע דריי וועגען א י י נ ע ם און דער מיט צופרידען זיין. אָבער ניין. דעם ציוויליזירטען מאַן קען מען איבערהויפּט ניט צופריעדען שטעלען, ווייל אין זיין מאַגען בור־טשעט דער אייביגער הונגער נאָך „מעהר, מעהר, מעהר". ער האָט דאַריבער ניט לאַנג געטראַכט און איינגעוואָרפען די ווענט, וואָס טיילען אָפּ די דערמאָהנטע דריי וועגען, אַזוי, אַז איצט קען ער גאַנץ בעקוועם און אָהן געפאַהרען זיך דורך פערשיעדענע זייטיגע סטעשקעלעך אריבער׳גנב׳ענען פון איין וועג אויפ׳ן צווייטען. חתונה, פּראָסטיטוציאָן און זנות שפּאַצירען היינט געאַרעמט אויף די זעלבע שטראַסען; און כאָטש ווען זיי טרעפען זיך אין דער עפענטליכקייט, קוקען זיי זיך אָן ווי שונאים, איז אָבער ווען זיי בעגעגענען זיך אין די הייזער, ווינקען זיי איינס צום צווייטען מיט גנבה׳שע אויגעלעך, עסען פון איין שיסעל און שלאָפען אויף איין קישען.

אַ טערק אָדער אַ ציניקער וואָלט געזאָגט: „מילא, אַז ס׳איז שוין יאָ אַזוי, זאָל עס שוין אַזוי בלייבען, זאָל צבוע׳טסטוואָ פיה־רען דעם רודער פון אונזער געזעלשאַפטליכען לעבען און מיר וועלען

זיך געמיטהליך אַרומפּאַהרען אויפ'ן ים פון שמוץ, פון ליידענשאַפט, פון היפּאָקריטסטוואָ.

א י ך בין אָבער ניט קיין טערק און ניט קיין ציניקער. איך גלויב נאָך אין פּאָרטשריט פון דער מאָראַל, איך גלויב נאָך אין דער ווירקונג פון ביכער און ווערטער.

ביים טיש האָב איך זעהר ליעב א פּריטאַטאַ (א מין אייער־קוכען, געמישט מיט פערשיעדענע שטאָפען) אָבער ניט אויפ'ן געביט פון מאָראַל. איך וויל דאָס „הייזעל" זעהן אויף א י י ן זייט, און דאָס פאַמיליען־הויז אויפ'ן צווייטען, ענטגעגענגעזעצטען זייט. די דריי ליעבעס־וועגען מוזען זיין שטרענג אָבגעטיילט איינס פון צווייטען און טאָרען קיינמאָל ניט פערבונדען ווערען. די פלויטען, וואָס געפינען זיך צווישען יענע וועגען, זאָל מען ניט איינרייסען, נור פערקעהרט, מען זאָל זיי בויען אלץ העכער, ביז זיי וועלען זיין אמת'ע, אונבעזיגבאַרע פעסטונגען.

די עהרליכע און די גליקליכע מענען בלויז אויף איינעם פון יענע דריי וועגען וואַנדערען. דער וועג פון ר ו י ב ע ר י ש ע ר ליעבע איז נור פאר גנבים, רויבער, מערדער. אויף דעם וועג פון ג ע ק ו י פ ט ע ר ליעבע מוזען היינט, ליידער, כמעט אלע מענער א שטיקעל צייט געהן, אַזוי לאַנג זיי האָבען נאָך ניט געפונען זייער אידעאַל. דאָך, ווי נור זיי געפינען עס, מוזען זיי אויך יענעם וועג, דעם ליעבע־פאַר־געלד־וועג, אַזוי שנעל ווי מעגליך פערלאָזען און איהם קיינמאָל מעהר ניט בעטרעטען. פאר זיי בלייבט איצט אָפען דער ד ר י ט ע ר וועג, דער וועג פון חתונה.

איז אָבער חתונה האָבען אימער מעגליך און אימער לייכט?

ניין, זעהר אָפט איז דאָס אונמעגליך, כמעט אימער איז דאָס א שווערע שטיק אַרבייט.

א מאַן מיט עהרע בלייבט פאַר'ן חתונה־פּראָבלעם שטעהן ווי פאַר'ן שווערסטען, טונקעלסטען רעטעניש פון לעבען.

דאָס ערגסטע דערביי איז, וואָס דיזע שרעקענדיגע, נאָכדענק־ליכע, פאָרזיכטיגע מענער זיינען גראַד די ב ע ס ע ר ע מענער. אָפט איז זייער מורא פאַר דער חתונה אַזוי גרויס, און זייער נאָכ־דענקען געדויערט אָפט אַזוי לאַנג, ביז זיי ווערען זקנים און דאָס

רעטעניש בלייבט פאַר זיי אייביג ניט געטראָפען און זייער פאַמיליען־היים — אייביג ניט געבויט.

די אונפאָרזיכטיגע, די לייכטזיניגע און די גוינער קלערען ניט לאַנג. מיט איין שפרונג שפרינגען זיי אַרויף אויפ'ן וועג פון חתונה, און שווימט אין זייער מוח אויף איין סעקונדע אויף אַ שטיקעל ספק, גיבען זיי אַ מאַך מיט דער האַנד און זאָגען צו זיך אליין:

„עט, ניטאָ וואָס מורא צו האָבען. געהט עס ניט ווי געוואונשען, געפינען מיר אויפ'ן חתונה־וועג דערנער און קראַפּיווע, איז דאָך דאָ אַ מיטעל: מען נעהמט אַ האַק און מען האַקט אויס אַ לאָך אין פּלויט, וואָס טיילט אָפּ דעם חתונה־וועג פון די אַנדערע ליעבעס־וועגען. געפינען מיט ניט אונזער גליק ביי דער אייגענער ווייב, וועלען מיר זיך קויפען ליעבע אין גאַס, ווי עס טהוען פיעלע אַנדערע, אָדער מיר וועלען נישטערען אין די הייזער פון אונזערע פריינד און אונזערע שכנים און דאָרט זוכען אונזער ליעבעס־גליק... אי, ס'איז זנות, בעטרוג געגען אַ פריינד, אַ פערברעכען געגען געזעץ? אַ קלייניגקייט! די מאָראַל איז אין דיזען הינזיכט ניט אַזוי שטרענג, דאָס פּובליקום האָט מיטלייד מיט אַ פערליעבטען, קיינער וועט מיך ניט איבערגעבען אין די הענד פון געזעץ. מאַהאַמעד האָט דאָך בפירוש געשריבען, אַז צו מענשען, וואָס זינדיגען אויס ליעבע, איז גאָט „גנעדיג און דערבאַרעמדיג“...

איך בין אָבער ניט מאַהאַמעד און דאריבער ווינש איך מיט מיין גאַנצער זעלע, אַז עהרליכע און קלוגע מענער זאָלען הייראַטען, כדי דער קאַפּיטאַל פון עהרליכקייט און ווייזהייט זאָל איבערגעהן בירושה אויף די שפּעטער'דיגע דורות. און דאריבער פרעדיג איך און וועל פרעדיגען ביז צו מיין לעצטען אטעהם־צוג:

„האָט חתונה! חתונה איז נאָך אַלץ בכבוד'יגסטע, געזונדסטע און אידעאַלסטע פאָרם פון ליעבע“.

און איך בין גלייך מוסיף:

„אָבער פערהייראַט אייך גוט! ווענדעט אָן די גאַנצע קראַפט פון אייער געפיהל צו לייזען דיזע וויכטיגסטע פון אַלע לעבענס־רעטענישען! בעראַטה זיך מיט זיך זעלבסט און מיט אַלע גוטע

מעלות וואָס ליגען אין אייך, בעראטה זיך מיט די בעסטע און קליגסטע פון אייערע פריינד.

פאָלגט אויך די גוטע עצה פון יענעם גרויסען אמעריקאנער, וואָס לעבט אין דער היסטאָריע אונטער דעם נאָמען בנימין פראנק־לין: נעהמט א בלאט פאפיר און קנייטשט עם צוזאמען אין צוויי העלפטען, אזוי, אז איהר זאָלט האָבען צוויי אָבגעטיילטע רובריקען. אויף איין רובריק שרייבט אויף אַלע גוטע זאכען, די גאנצע הכנסה, וואָס איהר ערוואַרט צו קריגען אין אייער חתונה; אויף דער צוויי־טער רובריק פערצייכענט אַלס שלעכטע זאכען, אַלע אונבעקוועמ־ליכקייטען, אַלע אונגליקען, בקיצור, די גאנצע הוצאה, וואָס איהר ערוואַרט, אז די חתונה־ביזנעס זאָל אייך קאָסטען. רעכענט צו־זאמען ביידע רובריקען, ציהט די אונטערשטע שורה, ציהט דעם באַלאַנס און זעהט וואָס איהר האָט מעהר: הוצאות אָדער הכנסות.

מאכט אָבער ניט קיין טעות אין חשבון! ווי לייכט קען ביי א פערליעבטען פאסירען, צו שרייבען אויף דער הכנסה־רובריק זא־כען, וועלכע זיין בעשערטע האָט ניט, אָבער ער, דער פער־ליעבטער, זעהט זיי ביי איהר יאָ. אזא בילאנץ איז גרונד־פאַלש, און דעם טעות ענטדעקט מען געוועהנליך צו שפּעט, ווען דאָס פא־מיליען־גליק איז שוין באַנקראָט...

די חתונה־פּראָבלעמע דאַרף מען פריהער פּרופען אויספאָרשען מיט די אויגען, דאן מיט'ן מיקראָסקאָפּ, און צום שלום מיט'ן טע־לעסקאָפּ. מיט די אויגען קען מען בעטראַכטען די דיקע, אויבער־פלעכליכע דעק פון רעטעניש. מיט'ן מיקראָסקאָפּ קענט איהר אריינדרינגען אין רעטעניש גופא, שטודירען אייער ליעבע, צעגלי־דערען אייערע צווייפלען און האָפנונגען. מיט'ן טעלעסקאָפּ, ווי־דער, קענט איהר קוקען אין דער צוקונפט, ווי א נביא פארויס־פיהלען, וואָס עס קען מיט דער צייט פון אייער ליידענשאַפט ווערען און וואָס פון דער ליעבע וועט זיך אויסלאָזען.

און ווען איהר האָט שוין בענוצט אייערע אויגען, א מיקראָס־קאָפּ און א טעלעסקאָפּ און ווילט זיך אייך נאָך לעזען מיין בוך אויך, וועט איהר אין איהם הערען די שטימע פון א מאן, וואָס האָט זיך געמאכט די פרוי פאַר דעם וויכטיגסטען טייל פון זיין שטודיום, וואָס קען די פרוי אַלס דעם ב ע ס ע ר ע ן טייל פון

דער מענשהייט, וואָס האָט זי אימער געליעבט מעהר ווי אַלע אַנ־דערע בעשעפענישען אויף דער ערד, און וואָס גלויבט נאָך עד היום, אַז די פרוי איז דער אָריגינעלסטער און רייכסטער קוואַל פון מענש־ליכען גליק.

„איך וויים, אַז אפילו נאָכדעם ווי איהר האָט אָנגעווענדעט אַלע מעטהאָדעס פון קריטיק ; נאָכדעם ווי איהר האָט די חתונה־פּראָבלעמע שטודירט מיט די אויגען, מיט'ן מיקראָסקאָפּ, מיט'ן טעלעסקאָפּ און אין מיין בוך — אַז אפילו דאַן קענט איהר נאָך אַלץ מאַכען אַ טעות. אָבער דאַן קענט איהר זיך וועניגסטענס ניט מאַכען קיין פאָרוואורפען, דאַן וועט אייער חרטה ניט זיין קיין פערצווייפעלטע זעלבסט־אַנקלאַגע, ווייל איהר וועט דאַן האָבען דעם בעוואוסטזיין, אַז איהר האָט געטהאָן דאָס מענשען־מעגליכע, צו ווערען י אָ גליקליך. מיט אַ רוהיגען געוויסען, מיט אַ ניט־געבראָכען שטאָלץ קען מען אַ גאַנצעס לעבען אָנהויבען אויף דאָס ניי.

„אפילו די טיכטיגסטע און ערפאַהרענסטע קאַפּיטאַנען ליידען אַמאָל שיפברוך, מעג דאָס שיף זיין ווי גוט געבויט און מעג עס האָבען דעם בעסטען קאָמפּאַס. אַ שיף מיט אַ גוטען קאַפּיטאַן און אַ גוטען קאָמפּאַס ק ע ן אונטערגעהן. אָבער אַ שיף מיט אַ שלעכטען קאַפּיטאַן און אַ שלעכטען קאָמפּאַס מ ו ז אונטערגעהן. און די יעניגע מענער, וואָס האָבען חתונה אין איילעניש, לייכט־זיניג, נאָך איידער זיי האָבען געפּרופט זיך אריינטראַכטען טיעף און גרינדליך אין דער פערפּלאָנטערטער פּראָבלעמע פון פאַמיליען־לעבען, זיי זיינען געגליכען צו אונוויסענדע, שכור'ע קאַפּיטאַנען, וואָס וואַגען זיך אָהן אַ קאָמפּאַס ארויס אויפ'ן שטורמישסטען פון אַלע ים'ען.

# די חתונה אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט.

פאַרהאַן פערשיעדענע אופנים, ווי אַ מאַן פעראייניגט זיך מיט אַ פרוי, מיט'ן צוועק צו דערהאַלטען דעם מענשליכען מין. אַלע אופנים זיינען ניט בעזאָנדערס גוט. אָבער פון אַלע איז די חתונה דער „וועניגער שלעכטער" אופן, ווייל די חתונה איז דער רעזולטאַט פון אַ לאַנגער היסטאָרישער ענטוויקלונג און פון פיעלע מאַטעריעלע, מאָראַלישע, רעליגיעזע און געזעצליכע עלעמענטען.

דער אַלטער מנהג אַוועקצוזיבען פרויען, די הייליגע ווערטער פון נביאים, די געוואַלדטהאַטען פון די אַמאָליגע אַדעליגע, געלד־אינטערעסען, ליעבעס־אינטערעסען — פון אַלע דיזע הייליגע און ניט־הייליגע זאַכען זיינען פערבליבען שטיקלעך אויפ'ן מזבח פון חתונה. אָבער איידער די אַלע זאַכען האָבען זיך פערבונדען צו אַ גאַנצער פאָרם, צו אַ סיסטעם, איז געקומען דער ווילדער, טהיערישער מענש און האָט תאוה'דיג אויסגערופען: דאָס אַלעס איז מיין אייגענטום! און ער האָט מיט זיינע האָריגע הענד צונויפגעמישט דאָס געטליכע מיט דעם מענשליכען, דאָס ריינע מיט דעם שמוציגען, ביז עס איז ענטשטאַנען אַ מישמאַש, אַ כאַאָס פון העכסטע מאָראַל־פרינציפען און ניעדריגסטע ליידענשאַפטען. דעם דאָזיגען האָט מען אַ נאָמען געגעבען: חתונה.

די חתונה אינסטיטוציע איז אַ פאַקט. עס איז נאַריש צו פערדאַמען איהר און עס איז אונמעגליך צו פערבייטען איהר פאַר עפּעס בעסערעס. עס בלייבט דאריבער נור איין זאַך פאַר אונז: צו בעטראַכטען איהר אַלס די יעניגע געשלעכטליכע פערבינדונג, וואָס איז „וועניגער שלעכט" פון אַלע אַנדערע געשלעכטליכע פערבינדונגען, און פרובירען איהר בעסער און בעסער מאַכען:

„פרייע וואהל ביי מאן און פרוי, אויפגעקלעהרט דורך די פערנונפט“.

* * *

ניט דער פירשט און ניט דער פראָלעטאריער נויטיגען זיך אין מיין בוך.

דער פירשט הייראט געוועהנליך פיעל אונגליקליכער פון אלע בירגער פון זיין לאנד, אהן ליעבע און אהן סימפאטיע, בלויז אויס פאָליטישע אורזאכען. פאר איהם קומט פריהער פאר אלץ דער טראָהן, און דאן ערשט קומט די פאמיליע. ער קען זיך נאטירליך טרייסטען אין די זינדיגע ארעמס פון הויף־דאמען אָדער ער קען, אין בעסטען פאַל, הייראטען „מארגאנאטיש“, דאָס הייסט, ניט ווי עס שטעהט איהם אָן. אָבער געוועהנליך צוברעכען זיך דעם קאָפּ וועגען זיין חתונה ניט ער, נור זיין מיניסטער, זיינע בעאמטע און צייטונגסלייט. פאר איהם איז, אלזאָ, „די קונסט חתונה צו האָבען“ גאָר קיין קונסט ניט.

גליקליכער פון פירשט איז אין דער בעציהונג דער פראָלעטאריער. ער קען הייראטען די, וועלכע ער ליעבט, און ביים אויסקלייבען זיין לעבענס־בעגלייטערין וואָלט איהם די עצה פון א מאן וואָס האָט פיעל געליעבט און פיעל געזינדיגט, זעהר גוט צו ניץ געקומען. אָבער א פראָלעטאריער לעזט ניט קיין ביכער, ווייל זיי קאָסטען צו טייער פאר זיין אָרימען טייסטער. און אפילו ווען ער איז יאָ א פריינד פון גוטע ביכער, לעזט ער זיי דאָך ניט, ווייל ער האָט פשוט קיין צייט נישט און ווייל די שווערע ארבייט פאר׳ן טעגליכען ברויט פערטעמפּט זיין גייסט.

איך שרייב, אלזאָ, מיין בוך ניט פאר פירשטען און ניט פאר פראָלעטארישע לוין־שקלאַפען, נור פאר יענע, וואָס שטעהען אין דער מיט צווישען יענע צוויי עקסטרעמען פון דער געזעלשאפט און אין וועלכע עס קלאָפּט דער אמת׳ער נערוו פון א פאָלק. דיזע מיליאָנען מענשען וועלען מיין בוך לעזען.

און איצט פרעג איך: ווי אזוי פערבינדען זיך דיזע מיליאָנען מענער און פרויען?

אויף פערשיעדענע וועגען. אָבער נור איין וועג איז אין איינקלאנג מיט דער מאָראל און אין הארמאָניע מיט דער רעליגיאָן:

די חתונה. זי איז דער איינציגער געזעצליכער פונדאמענט, אויף וועלכען עס בויט זיך אויף די פאמיליע. אלע אנדערע סאָרטען געשלעכטליכע פערבינדונגען זיינען א מין קאָנטראבאנד־סחורה, וועלכע מען מוז זוכען אויף זייטיגע, פערבאָטענע וועגען.

מען קען זאָגען, אז וואָס מעהר עס געפינען זיך אין א געזעל־שאפט פערהייראטע פּאָרלעך און וואָס ווייניגער עס געפינען זיך דאָרט פרייע־ליעבע׳ניקעס, אלץ מאָראלישער און ציוויליזירטער איז די דאָזיגע געזעלשאפט. מענער וואָס גלויבען אין פרייע ליעבע, זיינען א געפאהר פאר דער געזעלשאפט, סיי די וואָס זוכען ליעבע אויף דער גאַס, סיי יענע וואָס כאפּען זיך אריין אין פרעמדע היי־זער און גנב׳ענען אוועק די ליעבע ביי זייערע פריינד און שכנים.

וואָלט די היינטיגע געזעלשאפט ניט ארומגעגאנגען מיט א קראנקהייט, וואָס רופט זיך געלד־פיבער, ווי גוט וואָלט איהר גע־ווען! אמת, די ליידענשאפט צו זיין רייך איז אזוי אלט ווי די וועלט אליין. אָבער אין אונזער צייט האָט דיזע געלד־קראנקהייט זיך אזוי פערשפּרייט, אז מען קען איהר שוין אָנרופען עפּידעמיע, ווי מען רופט סקארלאטינע און כאָליערע, און זי, די געלד־קראנק־הייט, האָט מעהר ווי יעדע אנדערע סיבה, אונטערגעגראָבען די וואָרצלען פון דעם הייליגען בוים, וואָס רופט זיך הייראט.

אונזערע לעבענס־בעדערפעניששען זיינען געוואקסען אין דער־זעלבער מאָס, ווי עס איז געוואקסען אונזער בילדונג און סאָציאלע ענטוויקלונג. בעזאָנדערס שטארק זיינען געוואקסען אונזערע גייס־טיגע בעדערפעניששען, אונזער חשק צו אמוזירען זיך, צו בעפריע־דיגען אונזער געמיטק, אונזערע נערוועז, אונזער עסטעטישען גע־שמאק. די קאָסטען פון לעבען זיינען פאר אונז געוואָרען פיעל, פיעל טייערער, בעת די קוועלען פון אונזערע הכנסות פליסען פונקט אזוי שוואך ווי פריהער. מיר, די מענשען צווייטע און דריטע קלאַס, זיינען זעהר אָרעם, פיעל אָרימער ווי עס זיינען געווען אונ־זערע טאטעס און אונזערע זיידעס. פון׳ם וויגעלע ביז צום גרי־בעלע דריקט אונז די לאַסט פון אונזערע פאמיליען־זאָרגען, פלאגט אונז די בוכהאלטעריע פון אונזער היים, וואו די הכנסות ווילען קיינמאָל ניט באלאנסירען מיט די הוצאות. דיזע זאָרגען פער־

דארבען אונז יעדע פרייד און צושטערען די פרעהליכע פאעזיע פון אונזער לעבען.

אלע, אלע זיינען מיר איינגעלאדען צו דעם פרעהליכען באנ־קעט, וואס די מאדערנע ציוויליזאציאן האט פאר אונז צוגעגרייט, און אלע געהען מיר צום באנקעט. אבער מיר זיינען גלייך צו יענעם ארימען בעאמטען, וואס האט, אוים העפליכקייט, זיך גע־לאזט מיטשלעפען צו א באנקעט פון מיליאנערען, און טאנצענדיג צווישען עולם און טרינקענדיג דעם טייערען שאמפיין, זוכט ער שטילערהייט מיט דער האנד אין קעשענע, וואו עס געפינען זיך בלויז עטליכע קוואדערס. און טאנצענדיג און טרינקענדיג, מא־טערט איהם דערווייל דער שרעקליכער געדאנק: מיט וואס וועל איך בעצאהלען דעם ביל?

אייגענטליך זאל נור די ליעבע פיהרען צו הייראט. אבער געוועהנליך איז זי, די ליעבע, דוקא דער גאר לעצטער גאסט, וועל־כען מיר לאדען איין צו אונזער חתונה, וועהרענד דאס געלד איז דער ערשטער מחותן, און אהן זיין איינוויליגונג קענען זיך חתן־כלה גאר ניט צוזאמענקומען.

געלד, געלד און ווידער געלד שפיעלט די ערשטע פידעל אויף די מייסטע חתונות.

הייראטען מיינט ארימער ווערען, ווען די כלה ברייננגט ניט מיט קיין נדן, וואס זאל העלפען אויפהויבען דעם פאמיליען־נעסט. הייראטען מיינט זיך מיט פערמאכטע אויגען ארייגשטירצען אין א טונקעלען, גרונדלאזען אבגרונד. הייראטען מיינט זיך זעלבסט פעראורטיילען צו די גיהנום־ליידען פון ארימקייט, פון מאנגעל, און אויך די צוקונפטיגע קינדער פעראורטיילען צו דיזער שטראפע.

עס וואלט פיעל בעסער הארמאנירט מיט אונזער מענשליכער ווירדע, ווען ביים אויסקלייבען א פרוי זאל דער נדן פאר אונז קיין שום ראלע ניט שפיעלען. א נאך פיינערער, נאך אידעאלערער צו־שטאנד וואלט דאס פאמיליען־לעבען זיין, ווען מיר וואלטען אונזער לעבענס־בעגלייטערין געקאנט אנבאטען אויף אונזער ר י י כ ט ו ם צוזאמען מיט אונזער הארץ און אונזער האנד, כדי צו קענען צו איהר זאגען:

„זעה, מיין געליעבטע, אלץ וואס איך האב איז דיינס און אלץ

וואָס דו וועסט פערמאָגען, וועסטו האָבען מ י ר צו פערדאַנקען. און דאָך וועל איך אייביג בלייבען דיין בעל חוב, ווייל ד ו האָסט מיר געשענקט דיין ליעבע, וואָס איז ווערטהפולער פון אַלע אוצרות פון דער וועלט".

דאָס אַלעס איז זעהר שעהן און ערהאַבען, און יעדער מאַן, וואָס פיהלט פיזיש און מאָראַליש אַלס מאַן, וואָלט זעהר געוואָלט זיין אימשטאַנד אַזוי צו ריידען. אָבער וויפיעל מענער מעגען זיך פערגינען אַזוי צו ריידען?

זעהר וועניגע, כמעט קיינער ניט.

און דעריבער געפינען זיך אַזוי פיעל יונגע לייט, וואָס וואָל־טען גערן געוואָלט ליעבען ג ע ז ע צ ל י ך און זיך אויפבויען אַ היים, ווי עס פערלאַנגט פון זיי די מענשליכע געזעלשאַפט, אָבער זייער מורא פאַר דער צוקונפט איז אַזוי גרויס, אַז זיי פערציכטען ליעבערשט און האָבען איבערהויפט ניט קיין חתונה. פאַר זיינע דערשראָקענע אויגען איז די טהיר אין פאַמיליען־שלאָפצימער, דיזעלבע טהיר, וואָס פיהרט צו עלענד און צו פאַלשקייט. היט ער זיך די טהיר צו עפענען.

אַלטע בחורים זיינען דאַריבער פיעל פיינערע מענשען, ווי די מייסטע פערהייראַטע מענער. זיי, די בחורים, האָבען וועניגסטענס געהאַנדעלט מיט איבערלעגונג; ניט וועלענדיג הייראַטען צוליעב געלד, זיינען זיי בעסער געבליבען לידיג, איידער הייראַטען אויס ליעבע, אָבער מיט וועניג געלד, און דאַן פיהרען אַ לעבען, ביי וועל־כען מען ווינשט זיך יעדען טאָג דעם טויט. אָבער ביז צו וועלכען גרענעץ גרייכט די אנשטענדיגקייט פון דיזע בחורים?

ביי די עהרליכסטע און אנשטענדיגסטע גרייכט די אנשטענ־דיגקייט ביז צו אַ מדרגה, אַז זיי שאָנעווען די אונשולד פון מייד־לעך און טשעפּען ניט קיין פערהייראַטע פרויען. אָבער נאָך דעם ווי זייער אנשטענדיגקייט האָט זיך אַזוי הויך אויפגעהויבען, פאַלט זי ווידער אַרונטער, און צוואַר אויף יענע מדרגה, וואו די ליעבע ווערט בעהאַנדעלט פון געזונדהייטס־שטאַנדפונקט און ווערט, ווי אַ מעדיצין, איינגענומען צו בעשטימטע צייטען, אין בעשטימטע טעג, בעזאָנדערס אין „פעי־דעים", ווען עס קלינגט אַן איבעריגער דאָלער אין קעשענע.

ווי אָרעם איז אַזאַ ליעבע אין פערגלייך מיט דער עכטער ליעבע! זי איז די ערגסטע איבערזעצונג פון דעם בעריהמטען עפּישען געדיכט, וואָס רופט זיך „לעבען און ליעבע“. ס'איז, ווי ווען מען וואָלט די ביבעל איבערזעצט אין האָטענטאָטיש.

אָבער די, וואָס געניסען די ליעבע ווי אַ געקויפטע מעדיצין, אין בעשטימטע טעג, בילדען די מינדערהייט. די מעהרסטע בחורים פערלאַנגען עפּעס בעסערעס. זיי זוכען ליעבע ניט אין די גאַסען, נור אין די וואָהנונגען פון אַנדערע און זייער ליעבעס לעבען איז אַ לעבען פון געמיינעם, פעד[illegible]טערישען רויב.

זנות איז די שמוציגסטע און שרעקליכסטע וואונד אויפ'ן קערפּער פון מאָדערנעם פאַמיליענלעבען. זי איז די מכה, וואָס פערשפּרייט ארום זיך דעם עקעלהאַפטען ריח פון היימישען בעטרוג און פערפּעסטעט די לופט מיט מיקראָבען פון אייפערזוכט, שכורים, פערברעכען. אַלץ בעפלעקט זי, אַלץ צושטערט זי.

אַך און וועה וואָלט אונז געווען, ווען מען וואָלט אין אַלע פאַמיליען געקענט געבען די קינדער די נעמען פון זייערע ווירקליכע טאַטעס! ס'אַראַ שרעקליך בילד פון פעררעטה און צבוע'טסטוואָ וואָלט זיך פאַר אונז ענטפּלעקט. ס'אַראַ לאַנגע נעזער די ביאָלאָגען וואָלטען עס געקראָגען, יענע חכמים וואָס שטודירען די ערבשאַפט געזעצען און דאַרפען בעשטימען אַ געשטאָרבענעם'ס אמת'ע יורשים! די בירגערליכע, די מענשליכע געזעלשאַפט וואָלט פאַר אונז פּלוצלינג געשטאַנען אָהן אַ מאַסקע, אלס איין געמיינע באַנדע פון פאַלשע געלד־מאַכער, און די לייבער פון די פרויען וואָלטען זיך פאַר אונז ענטפּלעקט אלס אַ פאַבריק פון לויטער פאַלשע גאָלד־שטיקלעך!

אָבער די קינדער, וואָס ווערען געבוירען, זאָגען ניט אויס פון חדר. זיי בעגריסען דאָס לעבען בלויז מיט טרערען, אָבער ניט מיט רייד, און די קערפּערס פון די פרויען דערצעהלען אויך גאָר ניט, נור זיי זעצען פאָרט זייער אַרבייט צו פערפלייצען די וועלט מיט פאַלשע געלד.

פאַר דיזען בעטרוג, פאַר דיזע ריעזיגע ממזרים־פאַבריקאַציע פעראורטייל איך די פרוי ניט מעהר ווי דעם מאַן.

ווען אַ מאַן גרייפט אָן אַ פרוי און שפּרייט אויס אַ נעץ פאַר

איהר אונשולד, טהוט ער ניט מעהר ווי רעכט. אז די געזעלשאפט דערלאָזט ניט, אז ער זאָל חתונה האָבען, טו פאר וואָס זאָל ער ניט טאָרען זוכען זיך ליעבע אויף אן אונגעזעצליכען אופן? שרייען ניט אַלע ארבייטער פון דער וועלט, אז זיי האָבען א רעכט צו קריגען ארבייט? און איז דען ניט די ליעבע די הייליגסטע, די וויכטיגסטע פון אַלע ארבייטען? אָפּפערט ניט יעדער אינדיווי־דואום פאר דער ליעבע זיין גאנצע נאטור און גיט איהר אָפּ זיין גאנצע ווילענסקראפט?

אי, די פערהייראטע מענער? מען טהוט זיי דערמיט אן אומרעכט? טו זאָלען זיי זיך וועהרען געגען די אַנגריפען, וואָס בחורים מאכען אויף זייער פאמיליען־גליק! זיעגען זיי, זיינען זיי גערעכט. ווערען זיי בעזיעגט, איז א בעווייז, אז זיי זיינען לא יצלח׳ם און האָבען קיין רעכט ניט צו בעקלאָגען זיך.

און פאר וואָס זאָלען די אָרימע פרויען ניט טאָרען אונטער־ברעכען די לאַנגווייליגע פון זייער פאמיליען־לעבען דורך א קליינע עקסקורשאָן אין לאנד פון פרייע ליעבע? זיינען זיי דען ניט אין די מייסטע פעלען צוגעשמידט צו א מאן, וועלכען זיי ליעבען ניט? ווערען זיי דען ניט אין די מייסטע פעלע פערשאכערט פון זייערע עלטערען ווי א שטיק סחורה? קויפט זיי דען ניט אין פיעלע פעלע דער מאן אויף וואָג, לויט דעם געוויכט פון זייער נדן? און האָבען ניט דיזע פרויען א רעכט אויף ליעבע?

און אויך יענע פרויען, וואָס האָבען יאָ געהייראט אוים ליעבע, וואָס האָבען זיך אריינגעווארפען אין די אָרעמס פון א געליעבטען און איהם אויף אייביג אוועקגעשאָנקען זייער הארץ, זייערע גע־דאנקען, זייערע חושים, האָפענדיג, אז נאָך דער חתונה וועט זייער ליעבעס־טרוים אייביג אָנהאַלטען און זייער מאנ׳ס געטריישאפט וועט דעם טויט אַליין אריבערלעבען — האָבען דען ניט דיזע פרויען א רעכט אויף נקמה, ווען, שוין עטליכע מאָנאטען נאָך דער חתונה, געפינען זיי זייער געליעבטען מאן אין די אָרעמס פון אן אמאָ־ליגער געליעבטער אָדער גאָר אין בעט פון א דיענסטמיידעל?

אָט אזוי זעהען אוים די פאמיליען־דראמען, ווי מיר זעהען זיי טאָג־טעגליך אויפגעפיהרט אויף די אונצעהליגע קליינע ביהנעס, וואס רופען זיך פאמיליען־היימען. אויף דיזע ביהנעס אבער

— מיר מוזען גערעכט זיין און זיך היטען פון איבערטרייבונגען.
— ווערען אויפגעפיהרט מעהר בורלעסק־שפּיעלען ווי אמת'ע קאָ־מעדיעס און מעהר קאָמעדיעס ווי די טראַגעדיעס. זעהר זעלטען שפּיעלט זיך דאָרט אָפּ א ווירקליכעס טרויערשפּיעל, ווייל צו דיזען העכסטען סאָרט דראַמא דאַרף מען האָבען העלדען, און העל־דען געפינען זיך זעהר, זעהר וועניג אין אונזער מאָדערנער גע־זעלשאַפט. סטילעט און רעוואָלווער שפּיעלען אין דער געשיכטע פון חתונות נור א צופעליגע ראָלע. די געוועהנליכע „טולם", וואס ווערען געברויכט אויף די היים־ביהנעס זיינען: קליינליכע נקמה, אן אויג פאר אן אויג, א בעטרוג פאר א בעטרוג, א געמיינהייט פאר א געמיינהייט. דו פערפיהסט מיין פרוי, פערפיהר איך דיין פרוי. דאריבער געפינען זיך אין אונזער געזעלשאַפט אזוי פיעל „דריי־עקיגע" און אויך „פיער־עקיגע" חתונות (איין מאַן מיט צוויי אדער דריי פרויען אָדער א פרוי מיט א מאַן און מיט א „הויזפריינד"). היינטיגע מענער זיינען ניט קיין העלדען. מענער, וואס, אויס מורא פאר א סקאנדאל, מאכען זיך פאר בלינד און פאר טויב, זיינען היינט גאָר ניט קיין זעלטענהייט.

יאָ, מען וויל היינט לעבען און לאַזען לעבען. מען וויל די מאָדערנע, עדלע פּרינציפּען פון קאָמוניזם אריינטראָגען אויך אין פאמיליען לעבען און אויפהענגען דאָרט די פאָהן מיט'ן פּאַ־ראָל: אלע מענשען זיינען גלייך — אונאַנשטענדיג...

טריילאָזיגקייט און פערראַטה זיינען ניט די איינציגע ווערים, וואס פרעסען די געביידע פון פאמיליען־לעבען, שונאים פון פאַ־מיליען לעבען זיינען אויך: מחלוקות צווישען מאַן און ווייב, וואס קומען געוועהנליך דערפון, וואס דאָס פּאָר פּאָלק האָט פ ע ר־ש י ע ד ע נ ע פיזישע און גייסטיגע בעדערפעניסען; דער גע־שלעכטליכער שטאַנד, ווען דער מאַן האלט זיך פאר עפּעס בע־סערעס ווי זיין פרוי; די שרעקליכע אונאייניגקייט צווישען גע־פיהל און פערשטאנד, וואס פיהרט אָפּט צו די שווערסטע פאמי־ליען־קאַטאַסטראָפען, צו מאָרד אָדער צו גט, עס ווענדט זיך, צי דער געפיהל איז געוועזן שטאַרקער פון פערשטאנד, אדער פערקעהרט. א חוץ די אלע צושטערער פון חתונה קומען נאָך די קרובים פון מאַן'ס צד און פון ווייב'ס צד, און פיהרען צווישען זיך א קריג

אויף זייער אייגענעם חשבון, און דאָס פערפלאָנטערט נאָך מעהר די לאַגע. די קריגערישע קרובים לאָזען בשום אופן ניט צו, אז צווי־שען פאָר פאָלק זאָל ווערען א שלום בית, נור פערקעהרט, ווי נור זיי דערזעהען א וואונד אין פאמיליען־לעבען, נעהמען זיי און פער־סמ'ען איהר, ווי נור זיי בעמערקען אין פאמיליען־לעבען א מכה וואס האָט זיך אביסעל פערהיילט, נעהמען זיי און רייסען איהר צוריק אויף.

מחלוקות אין פאמיליען לעבען איז אפילו א זעלטענהייט, אָבער נאָך א גרעסערע זעלטענהייט איז שלום אין פאמיליען לעבען. מען קען זאָגען, אז די מייסטע חתונות זיינען א בעוואפענטער פריע־דען.

די חתונה, ווי זי איז היינט, איז פון אלע וועגען, וואס פיהרען צו א פערבינדונג צווישען א מאן און א פרוי, דער „ווניגער שלעכטער" וועג; אָבער די חתונה דארף און קען זיין פיעל בעסער ווי בלויז ווניגער שלעכט; זי קען, אויב זי איז נור א ריכטיגע, זעהר פיעל בייטראָגען צו דער פערגרעסערונג פון מענשליכען גליק. און דאָס, די פערבעסערונג און פערפאָלקאָמענונג פון פאמיליען־לעבען איז נאָך אלץ דער העכסטער און שעהנסטער ציעל פון מענש־ליכען פארטשריט.

וואס נוצט עס אונז, וואס מען קען שוין דורכפליהען דורכ'ן רוים מיט א שנעלקייט פון 200 מייל אין דער שטונדע, וואס מען קען ארומרייזען ארום די וועלט אין צוויי מאָנאטען, וואס מען קען שוין רעדען דורך א טעלעפאָן און דורך א טעלעסקאָפ זעהען שטערען וואס ליגען צוואנציג מיליאן יאָהרען ווייט פון אונז — וואס נוצט דאָס אלעס, ווען דאָס ריין מ ע נ ש ל י כ ע גליק, די ליעבע צווישען א מאן און ווייב, ווערט דורך דעם ניט גרעסער אויף די ווערטה פון א סענט?

די חתונה, ווי זי איז היינט, קען אונז גליקליך מאכען נור ווי א געווינס אויף דער לאָטעריע. א מ אָ ל געווינט מען, אָבער מייסטענס פערשפיעלט מען. ווער עס רעדט ארוים די פאטאלע ווערטער „הרי את", דער ווארפט ארויף אויפ'ן וואגשאָל פון גליק איין קערענדעל, און אויפ'ן וואָגשאָל פון אונגליק צוויי.

די געפאהר, צו ווערען אונגליקליך נאָך דער חתונה, איז

פאַר דער פרוי א פיעל גרעסערע ווי פאַר'ן מאַן, ווייל די פרוי פערשטעהט פון לעבען פיעל ווענינער ווי דער מאַן. דאָס אונ־שולדיגע מיידעל ווערט געפיהרט צו דער חופּה ווי אן אונשולדיג שעפעלע צו דער שחיטה. לויט די איבערצייגונגען פון דער מאָ־דערנער זעלשאַפט, האָט אַ פרוי קיין אנדערען בערוף ניט, ווי צו זיין אַ פרוי און אַ מוטער. אָבער אפילו דיזען שטאַנדפּונקט לערנט מען ניט דאָס יונגע מיידעל, ווי צו ווערען אַ ריכטיגע פרוי און אַ פאָלקאָמענע מוטער, נור מען שטודירט מיט איהר איין, אַז זי זאָל איהר אידעאַל געפינען נור אין אַזאַ מאַן, וואָס איז שעהן. יונג און, וויכטיגער פון אַלץ, רייך. מען שטודירט מיט איהר די געהיימע קונסט, ווי צו מאַכען יאַגד אויף דער זעלטענער חיה, וואָס מען רופט „אַ גוטער מאַן", און דאָס מיידעל געהט אויף יאַגד און כאַפּט אַ מאַן, ניט דערפאַר, כדי אליין צו ווערען גליקליך און דעם מאַן גליק־ליך צו מאַכען, נור כדי צו פערגרעסערען איהר טאַשענגעלד און, אויב נור מעגליך, ארויפצוקלעטערען אויף דעם מאַן'ס פּלייצעס צו אַ העכערער שטופע אין דער געזעלשאַפט. לעבט אַ פערהייראַטע פרוי אנגענעהם, ווייל זי באַלד לעבען אין רייכטום; לעבט זי אין רייכטום, ווייל זי באַלד ווערען אַ מיליאָנערין. איז זי אַ בירגער־ליכע, ווייל זי ווערען אַ גרעפין. איז זי אַ גרעפין, ווייל זי באַלד ווערען אַ פּרינצעסין. דאָס זיינען די ציעלען פון אַ היינטיג מיי־דעל, און איהר גאַנצע ערציהונג האָט שטענדיג געטייטעלט מיט'ן פינגער נור אויף אַזעלכע ציעלען.

אָבער די חתונה איז ניט קיין האַנדעל. פון די טיעפּענישען פון האַנדעל און אינדוסטריע, דאַרף מען זי דערהויבען אויפ'ן שפּיץ פון יענעם בארג, וואו עס הערשט די ריינע לופט פון אמת'ער ליעבע, פון אמת'ער פעראייניגונג, וואו קיינער פון די צוויי פער־בינדעטע אינדיווידוען זאָל מעגען דענקען:

„דו האָסט מיך געקויפט".

„איך האָב מיך פערקויפט".

# די געשלעכטליכע אויסוואהל אין דער חתונה.— די קונסט גוט צו וועהלען.

אויף צוויי וועגען קומט מען צו צו דעם שרעקליכען „יא“, וואס פערבינדט אונז מיט א צווייטען וועזען, צו יענעם פאטאלען ווארט, וואס ענטשיידעט איבער אונזער גליק און אונגליק, וואס קען פון דער ערד מאכען א גן עדן אדער א גיהנום.

אבער די ליעבע קומט צוערשט, און דאן קומט די חתונה, אדער פריהער קומט די חתונה און דערנאך ערשט די ליעבע.

וועלכער פון דיביידע וועגען איז דער בעסערער, וועלכער פיהרט זיכערער אין גן עדן אריין?

טעארעטיש קען מען אויף דער פראגע זעהר שנעל ענטפערען: „פריהער ליעבען, דאן הייראטען“.

אין דער פראקטיק אבער געהט עס ניט אימער צו אזוי. פיעלע חתונות, וואס זיינען געשלאסען געווארען אוים ליעבע, לאזען זיך אוים זעהר שלעכט, וועהרענד א סך פערנונפט־חתונות,ביי וועלכע דער פערשטאנד האט פיעל העכער גערעדט ווי דאס הארץ, האבען א זעהר גליקליכען שלום.

ווארום איז דאס אזוי? אויב די טעאריע איז נור א ריכטיגע, דארף זי דאך אויך קענען הארמאנירען מיט דער פראקטיק, און אויב די פראקטיק בעווייזט דאס געגענטייל פון דער טעאריע, איז דאך דאס א בעווייז, אז די טעאריע איז ניט קיין ריכטיגע.

דער דאזיגער ווידערשפרוך ווערט זאפארט קלאהר, ווען מען בערעכענט, אז דער געוועהנליכער, אלטעגליכער וואונש, צו בעזיצען א ווייבליך וועזען, ווערט שוין אנגערופען ליעבע. דיעזער געוועהנליכער וואונש נאך א ווייב, דיזער געשלעכטליכער נאטור־

טרייב איז אָבער אין דער אמת'ן ווייט נים גענוג צו קענען א פּאָר פּאָלק אויף שטענדיג גליקליך מאכען. טיילט אָפּ ליעבע פון זינליכקייט, און גיט יעדער פון זיי איהר ריכטיגען נאָמען, און דער שיינבאַרער ווידערשפּרוך צווישען דער דערמאָהנטער טעאָריע און פּראַקטיק פערשווינדט זאָפאָרט.

„ערשט די ליעבע און דאַן די חתונה".

דאָס איז א הייליגע, העריליכע דאָגמאַ, וואָס קען די גאַנצע מענשהייט גליקליך מאכען, וואָלט מען זי ניט אַזוי אָפט פאַלש אויסגעטייטשט און פאַלש אָנגעווענדעט.

אויף דער פערברענדסטער, געוויסענלאָזעסטער פרייע־ליעבע'ניק קען אמאָל וועהלען דעם וועג, וואָס פיהרט צו דער חופה, אויך ער קען אויף קיין שום אַנדער וועג ניט דערגרייכען אין שלאָפצימער פון א ליידענשאפטליך געליעבטע פרוי. גליהענדע ליידענשאַפט האָט שוין אָפט פון גרעסטען חתונה־פיינד געמאַכט א פאַמיליען־פאָטער.

אזא אויסוועג, וועלכען א פרייע־ליעבע'ניק וועהלט בלויז אויס נויט אָבער ניט אויס איבערצייגונג, איז נאַטירליך זעהר א געפעהרליכער און נור צו אָפט איז דער סוף דערפון אַן אונגליק, א קאַטאַסטראָפע. אָבער מאַנכעס מאָל לאָזט זיך דערפון אויס א גליקליך פאַמיליען־לעבען. מיט דער צייט קומט צו צו דער געשלעכטליכער זינליכקייט דאָס געפיהל פון הארץ און נאָכ'ן ערשטען תאווה־שכרות בלייבט נאָך יענע צאַרטע ליעבע, וואָס איז ווי א שאַמפּיין נאָך א פעטען מאָהלצייט. די פערוואַנדלונג פון תאווה אין ליעבע איז א שווערע פּראָבלעמע, אָבער אַן אַנשטענדיגער פרוי געלינגט ניט גאָר זעלטען דיזע פּראָבלעמע צו לייזען. נאַטירליך מוז א פרוי, וואָס ווערט געשטעלט פאר אזא פּראָבלעמע, זיין ניט קיין געוועהנליכע צוועלף־אין־א־טוצענד־פרוי. זי מוז האָבען א גרויסען נדן פון געפיהלען און געדאַנקען, און דיזער נדן מוז ביי איהר בלייבען, אפילו ווען די ערשטע ליידענשאַפט האָט זיך אָבגעקיהלט און די יוגענד־שעהנקייט האָט געמאַכט פּלאַץ פאַר די קנייטשען פון אַלטקייט. נאָך הארמאָנישער קען ווערען אזא חתונה, ווען דער מאַן איז אויך א העכערער מענש מיט העכערע געפיהלען און געדאַנקען, וואָס פערשטעהט דעם ווערטה פון נשמה־

מעלות און שעצט אין אַ פרוי ניט נור איהר אויסערליכע שעהנ־קייט, נור אויך די אידעאַליטעט פון איהר נשמה.

אָבער מענשען מיט העכערע געפיהלען און אויסגעוועהלטע נשמות זיינען ניט דער כלל, נור אַן אויסנאַהמע. די גרויסע מאַסע מענער און פרויען, וואָס זיינען אויפ׳ן וועג פון פּראָסטער ליידענ־שאַפט געקומען צו דער חופּה, געפינען זעהר שנעל אויס, אַז ס׳איז געווען אַ שפּיעל פאַר׳ן טייוועל, און נאָכדעם ווי די ערשטע לייי־דענשאַפטליכע גלות האָט זיך ביי זיי אויסגעלאָשען, עפענען זיך ביי זיי די בלאָטיגע זומפען פון לאַנגוויילע. אמאָל געלינגט עס דער פרוי, דורך קאָקעטישע קונצען, פון צייט צו צייט אויף דאָס ניי די האַלב פערלאָשענע פונקען אויפצולעבען, אָבער אייביג קען דאָס ניט געהן, און מייסטענס ווערט אַלץ שטאַרקער דער עקעל פון מאַן, וואָס מעהר די פרוי בעמיהט זיך איהם צו ערמונטערען.

אַ חתונה, וואָס איז געבויט בלויז אויף קערפּערליכע תאוות, וואָס לעבט בלויז פון ניט־געזונטען ברויט, וואָס רופט זיך לייי־דענשאַפט, אַזאַ חתונה איז אָרעם און פערעכטליך, זעלטען ברענגט זי אונז נשמה־פריעדען און נאָך פיעל זעלטענער אייביג־געדויע־רענדעס גליק. אויפ׳ן גרונד פון די געמיינסטע און מיאוסטע נאַ־טורען דרעמעלט אויך אַ מין פערלאַנג צו געניסען אַ חוץ קער־פּערליכע בעפרידיגונג, אויך אביסעל תענוג רוחני. פּונקט ווי אַ חזיר ראָיעט זיך דער מענש אין בלאָטע, אָבער פון צייט צו צייט פערווילט זיך איהם אַ באָד, און גראָבענדיג זיך אין מיסט, וואַרפט ער ווען ניט ווען אַ בליק צום הימעל. אַ חוץ דעם ווערט אפילו דאָס עגאָאיסטישסטע האַרץ אביסעל פערפיינערט, ווען עס דער־פיהלט פאָטער־ אָדער מוטער־פליכטען, דאָס געפיהל פון פעראַנט־וואָרטונג דערהויבט אַ מענשען און זיין טהירישע נאַטור קריגט אַ מענשליכע יאָדרע. דאָס געטליכע פון פאַמיליען־לעבען שטופּט זיך אריין מיט געוואַלד אפילו אין די נידריגסטע נשמות, דערוואַ־רמט זיי, דערהויבט זיי און דעקט אויף איבער זייערע קעפּ אַ שטיק פון אייביגען הימעל.

וועה צו דעם מאַן, וואָס דענקענדיג איבער זיין פרוי, קומט ער צום שלום:

„מיין פרוי איז בלויז מיין ווייב“.

נאָך ערגער איז, ווען אַ פרוי, בעטראַכטענדיג אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט איהר כראָפענדען מאַן, קומט צו דער שרעקליכער איבערצייגונג:

„מיין מאַן איז בלויז אַ מאַן“.

* * *

ניטאָ קיין מאַן, וואָס זאָל פאַר זיינע פריינד, צי אפילו פאַר זיין אייגען געוויסען, מודה זיין, אַז ער הייראַטה אַ מיידעל בלויז צוליעב איהר קערפער. בושה און שטאָלץ דערלאָזען עס ניט. און אַפילו ווען מיר זיינען טיעף אין האַרצען איבערצייגט, אַז די מאַכט וואָס ציהט אונז צו אונזער כלה איז נור איהר שעהנע טאַליע אָדער איהר פולער בוזעם, נאַרען מיר זיך אליין אָפּ, און מיט דער הילף פון יענע קונצען, מיט וועלכע מיר שמינקען אונזערע העסליכע טהאַטען, מיט וועלכע מיר בעטריגען אונזער אייגען געוויסען, קומען מיר כלומרשט צו דער פעסטער איבערצייגונג:

„איך הייראַטה איהר, ווייל איך ליעב איהר!“

אויב ס׳איז שוין שווער צו אונטערשיידען מיט׳ן ערשטען בליק צווישען עכטען גאָלד און טאַלמי־גאָלד, צווישען עכטע דימענטען און פאַלשע, צווישען אָריענטאַלישע פערל און רוימישע פערל, איז עס נאָך טויזענד מאָל שווערער צו אונטערשיידען צווישען ליידענשאַפט און ליעבע. אין דיזער שוועריגקייט, צו אונטערשיידען, זיינען די גרעסטע געפאַהרען פאַר׳ן פאַמיליען־גליק.

אין מיינע אַנדערע ביכער האָב איך פערצייכענט עטליכע עצות פאַר הייראַטס־קאַנדידאַטען, ווי אַזוי זיי זאָלען אונטערשיידען צווישען דער עכטער ליעבע וואָס נעהמט אַרום די גאַנצע מענשהייט, און דער עראָטישער ליידענשאַפט וואָס בעציהט זיך בלויז אויף איין אבר*). און אַזוי, ווי לויט מיין אנזיכט, ליגט אין דיזער פראַגע איינע פון די שוויריגסטע לעבענס־פראָבלעמען, וועל אַך זיך ערלויבען עטליכע פון מיינע עצות עטוואָס שטאַרקער צו בעלויכטען.

---

*) לעזט דעם בוך „די קונסט אויסצוקלייבען“, פון פראָפעסאָר מאָנטאַגאַצאַ, וואָס ערשיינט באַלד אין אונזער פערלאַג.

* * *

גלויבט ניט צו שטארק דעם פלוצלינגדיגען איינדרוק, דער אזוי גערופענער „ליעבע אויפ'ן ערשטען בליק“, בעזונדערס ניט נאָך א לאנגער צייט פון פאסטען, און גאנץ בעזונדערס ניט, ווען איהר האָט דער געגענשטאנד פון אייער „ליעבע“ דערזעהן אויף א באלל, אין באלל־קליידונג, מיט א נאקעטען בוזעם און נאקעטע שולטערען.

בעסער נעהמט זיך צייט און בעטראכט די בעטרעפענדע דאַמע מיט ניכטערנע בליקען און ביי א געלעגענהייט, ווען איהר טואלעט און איהרע פאָרמען קענען אייך ניט פערבלענדען.

* * *

ווען אייער געשלעכטליכער אפעטיט איז ניט איבריג; יאָ, ווען איהר פיהלט זיך איבער־זאט פון שטארקע געשלעכטליכע מאָהלצייטען, און דאָך איז די בעטרעפענדע אין אייערע אויגען שעהן און בעגעהרונגסווערטה, דאן איז מעגליך, אז אייער ליעבע איז עטוואָס מעהר ווי בלויז זינליכע ליידענשאפט.

פערליעבט איהר זיך אין א יונג מיידעל, אָבער איהר שפירט נאָך ניט קיין איבריג שטארקע לוסט צום הייראטען, איז דאָס גלייכסטע, איהר זאָלט בעטראכטען נאָך אנדערע יונגע און שעהנע מיידלעך און פערגלייכען אייער מיידעל מיט די אנדערע. בלייבט, לויט אייער מיינונג, אייער מיידעל די זיגערין אין דיזען פערגלייך, איז א בעווייז אז איהר האָט איהר ליעב. אויב ניט, איז דאָס גלייכסטע, אז איהר זאָלט ווארטען און פרופען אייער הארץ, ווייל ס'איז דאָ א גרויסע מעגליכקייט, אז אייער געפיהל, וואָס איהר גלויבט אז ס'איז ליעבע, איז ניט מעהר ווי מאָמענטאלער פליישליכער אפעטיט.

די דערמאָהנטע כללים בעציהען זיך נור אויף די אזוי גערופענע פיזישע ליעבע. אָבער איך רעד פון איהר אביסעל אויספיהרליך דערפאר, ווייל זי, די פיזישע ליעבע, איז אימער דער ערשטער עלעקטרישער פונק ביי דער ערשטער בעגעגענונג צווישען א מאן און א פרוי, אָבער איך ווינש, אז זי, די פיזישע ליעבע זאָל ניט בילדען די איינציגע טהיר, וואָס פיהרט אין שלאָף־צימער פון א פערהייראט פאָר פאָלק. זי מעג בלויז זיין די טהיר צום

פאַדערצימער. דאַ, אין פאַדער־צימער, זאָלט איהר געדולדיג וואַר־טען ביז אייער הארץ און אייערע געדאַנקען וועלען פאַר אייך עפע־נען די טהיר צו די אינטימע צימערען, וואו איהר דאַרפט אייער לעבען לאַנג פערברענגען.

ווען אייער ליעבע איז ניט געווען קיין „ליעבע אויפ'ן ערש־טען בליק", נור נאָך און נאָך, פון טאָג צו טאָג, איז אייער סימ־פאַטיע צום צווייטען ווען געבוירען, געוואַקסען און אַלץ שטאַר־קער געוואָרען, ביז ס'איז פון איהר געוואָרען אַן אמת'ע ליידענ־שאַפט, דאַן ברויכט איהר ניט מיינע עצות און איהר מעגט זיי ארויסוואַרפען. איהר אליין קענט שוין דאַן אורטיילען, וואָס פאַר א נאָמען איהר זאָלט אייער געפיהל געבען. וואַקסט אייער ליי־דענשאַפט מיט דער צייט אַלץ שטאַרקער, איז עס ליעבע; קיהלט זי זיך מיט דער צייט אָפּ, איז עס זעלבסט־בעטרוג.

פיעל, זעהר פיעל ליעבעס־און הייראַטס־געדאַנקען שטאַרבען אָפּ, נאָך איידער זיי האָבען ריכטיג געלעבט; יאָ, נאָך איידער מיר האָבען צייט געהאַט ארויסצורעדען דאָס מינדעסטע וואָרט וועגען זיי צו איהר, ווען מיר האָבען אין זינען געהאַט. אין א שטונ־דע, ווען מיר פיהלען זיך איינזאַם און געשלעכטליך הונגעריג, קען פּלוצלינג פאַר אונזער אויג ערשיינען א פרויען־געשטאַלט, וואָס רעגט אונז אזוי אויף, אַז מיר זאָגען זיך: „אַך, ס'אַרא שעהן, הערליך, ליעבענסווירדיג קינד דאָס איז! איך מוז איהר בע־זיצען! זי מוז ווערען מיין פרוי!"

די ערשיינונג פערשווינדט, אָבער דער איינדרוק, וואָס זי האָט אויף אייך געמאַכט, נעהמט איהר מיט זיך אהיים און איהר טראָגט איהם אין אייער געהירען ווי א זיסע, שווערע לאַסט. אין אייערע ביכער, אין אייערע חלומות — איבעראַל זעהט איהר יענע פרויען־געשטאַלט.

עטליכע טעג שפּעטער געהט איהר אין גאַס און פּלוצלינג בעג־עגענט איהר דיזעלבע פרויען־געשטאַלט. ס'אַרא ענטוישונג! אין אייער פאַנטאַזיע לעבט א גאַנץ אַנדערע פרוי, ווי די, וואָס שטעהט איצט פאַר אייך. דעמאָלט, אויפ'ן באַלל, איז זי געווען אזוי שעהן, אזוי געטליך, און איצט, אין איהר געוועהנליכען טונקעל

קלייד, זעהט זי אוים אזוי פראָסט, אזוי וואָכעדיג — איהר לאַכט אליין איבער אייער טעות און איהר פרעגט:

„ווי אזוי האָב איך נור געקענט אזא אַלט, חעסליך, פער־וועלקט פּנים אַלטען פאר שעהן און ליעבליך!?"

גוט, ווען מיר זעהען איין אונזער טעות, אין דער ריכטיגער צייט. אָבער ליידער געשעהט עס מייסטנס ערשט נאָכדעם, ווי מיר האָבען שוין געמאַכט עטליכע בעזוכען, געהאַט שטילע ראַנדעוואוס און שוין ארויסגערעדט ווערטער, וואָס איז שווער צוריק־צו־נעהמען.

אַלזאָ, פּאָרזיכטיג, דאָן פּעדראָ!

* * *

מיין ערפאהרונג זאָגט מיר, אז קיין קראַפט געהט ניט פער־לאָרען אויף אונזער ערד און קיין ענערגיע געהט ניט לאיבוד. אָבער קראַפט און ענערגיע פערענדערען זיך אין זיך זעלבסט, כאָטש קיינע פון זיי קען ניט פערשווינדען. און איצט פרעג איך זיך: וואו קומען אהין אַלע יענע תאוה'לעך, וואָס שאַפען א מין פער־בינדונג צווישען א מאַן און א פרוי, אזוי אָפט ווי זיי בעגעגענען זיך, אין גאַס, אין טעאַטער, צי גלאַט אזוי ביי א געלעגענהייט? וואו קומען אהין די אַלע בליצען, וואָס שפּרינגען ארוים פון די אויגען ביי אזוי פיעל געלעגענהייטען און וואָס זיינען גענוג שטארק צו צופלאַקערען אונזער גאַנצע פאַנטאַזיע? וואָס ווערט פון די אַלע הארץ־קלאַפּעבישען, וואָס טרייבען דאָס בלוט אין פּנים אריין און שלעפּען צוזאַמען צוויי פרעמדע וועזען, צוויי פרעמדע אָר־גאַניזמען? אויב, ווי עס פּאַסירט אין מייסטע פעלע, די דאָזיגע קרעפטען לויפען פארביי ווי מעטעאָרען, ניט בעפרוכטענדיג קיין שום ערד, טו, וואוהין לויפען זיי עס? אין וואָס פערוואַנדלען זיך די ריזיגע ווילענסקרעפטע, די פרוכטען, וועלכע דער פיינסטער מעכאַניזם פון אונזערע געהירען און אונזערע נערוועז בעשאַפט, אויב זיי בעשאַפען ניט קיין ווערטער און ניט קיין טהאַטען, ניט קיין תענוג און ניט קיין פערברעכען, ניט קיין חתונות און ניט קיין זינד?

און אַזעלכע שטילע תאוה'לעך זיינען דאָ גענוג. ביי טאָג און ביי נאַכט, אין די גאַסען פון דער שטאָדט און אין די געפּאַקטע טריינס, אין פערזאַמלונגען און אויף איינזאַמע בערג־סטעשקעס

בעגעגענען זיך יענע שטילע תאות. ווען אונזער אויג וואָלט זיי געקענט זעהן, וואָלטען מיר בעמערקט, ווי די גאַנצע לופט גליהט פון זיי, אז זיי פיעלען אָן די אַטמאָספערע מיט צוקענדע בליצען, ווי אין אַ זומערדיגען געוויטער שטורם.

אָבער וואו קומען זיי אַהין? וואָס ווערט פון זיי? וואו פערשווינדט די ריזיגע מאַסע ווארימקייט. חשק, ליידענשאַפט, וואָס בליצט אויף ביי יעדער בעגעגעניש צווישען אַ מאַן און אַ פרוי? וואו בלייבען די אשעם פון דיזע טעגליכע שרפות?

איך ווייס עס ניט. די פילאָזאָפען און פיזיקער פון דער צוקונפט וועלען עס פינקטליך קענען ערקלערען.

* * *

צוריק קומענדיג צו אונזער טײמא: נאָך אַ כלל, און דוקא איינער פון די וויכטיגסטע, איז דאָ פאַר'ן מאַן, וואָס וויל גליקליך חתונה האָבען: ער זאָל זיך פריהער בעקענען מיט זעהר פיעל יונגע מיידלעך און וויבלעך, איידער ער פערבינדט זיך מיט דער איינציגער, וועלכער ער וויל אָוועקשענקען זיין הארץ, זיין נאָמען און זיין לעבען.

ווען איהר וואָהנט אימער אין דאָרף און איהר פערליעבט זיך דאָרט אין דער שעהנסטער, פיינסטער דאָרף־מיידעל, קענט איהר מיט איהר הייראַטען און איהר וועט זיכער פיהרען דאָס גליקליכ־סטע פאַמיליען־לעבען, אויב איהר וועט שוין אייביג בלייבען אין יענעם דאָרף. אָבער שלעכט, אויב איהר וועט פלוצלינג קומען אין אַ צווייטען דאָרף, אָדער גאָר אין אַ שטאָדט. אין אייער דאָרף, צווישען אַ טויזענד אַנדערע ווייבלעך, איז אייער מיידעל געווען די שעהנסטע. אין אַ צווייטען דאָרף, אָדער גאָר אין שטאָדט, זיינען זיכער דאָ אַ סך שעהנערע, קליגערע, בעצויבערענדע פרויען פון אייער פרוי, און ערשט איצט, ווען ס'איז שוין צו שפעט, מאַכט איהר דיזע שרעקליכע ענטדעקונג, ווייל אמת־ענטציקענדע מיידלעך האָט איהר דאָך פריהער קיינמאָל ניט געזעהען.

דאריבער זיינען מענער, וואָס האָבען פיעל ארומגערייזט און פיעל געזעהן, פיעל בעסער צו זייערע פרויען, ווי היימזיצערישע מענער. זיי, די ערפאהרענע, האָבען פשוט געהאַט מעהר געלעגענהייט צו בעקענען זיך מיט פערשיעדענע סאָרטען פרויען און

זייער פרוי איז דאריבער אין די מייסטע פעלע איינע פון די בעסטע. זיי וועהלען זיך זייערע פרויען אויפ'ן גרונד פון פיעל ערפאהרונג און בעאָבאַכטונג, און דאריבער האָבען זיי בעסערע אויסזיכטען צו טרעפען די ריכטיגע. דערפאר הפנים האָבען פרויען ליעב ער־פאהרענע מענער, וואָס האָבען שוין פיעל מיטגעמאכט און זיי פער־צייהען א מאַן זיינע אמאָליגע אויסגעלאסענהייטען פיעל לייכטער ווי זיין צו גרויסע אונשולד. א דאָן זשואן איז אין א פרוי'ס אויגען פיעל מענשליכער ווי א יוסף הצדיק.

א פרוי, וואָס ווערט אויסגעקליבען פון א מאַן, וואָס האָט שוין פריהער געקענט און פערקעהרט מיט הונדערטער אַנדערע פרויען, איז דוקא שטאָלץ דערויף, וואָס צווישען הונדערטער פרויען איז זי געווען די איינציגע, וואָס האָט איהם געקענט נעהמען אין פלען אויף אימער. איך וויים ניט, צי אַלע פרויען וועלען מיט מיר איינשטימען. אָבער פרויען, וואָס פערשטעהען אביסעל די ווי־סענשאַפט פון ליעבע, וועלען זיכער האָבען דיזעלבע מיינונג ווי איך. ווען איך זאָל זיין א פרוי, וואָלט איך מיר אלס מיין אידעאַל אויסגעקליבען נור אזא מאַן, וואָס האָט בערייזט אַלע פינף וועלט־טיילען און האָט אַלע פרויען אויף דער ערד שוין געזעהן און בע־וואונדערט.

און שפּינענדיג ווייטער מיין אוטאָפּיע, זאָג איך: ווען איך זאָל זיין א פרוי און וואָלט צווייפלען, צי מיין געליעבטער מיינט עס טאַקע ערנסט מיט זיין ליעבע, וואָלט איך איהם געהייסען מאַכען א רייזע דורך דער וועלט. ווען ער קומט דאַן צוריק און פערלאַנגט נאָך אַלץ מיין האַנד; ווען איך געפעהל איהם בעסער פון אַלע טויזענדע פרויען, וואָס ער האָט אויף זיין וועלט־רייזע געזעהן, דאַן וואָלט איך איינגעוויליגט צו ווערען זיין פרוי, זיין לעבענס־בעגלייטערין. ווייל ערשט דאַן וואָלט איך געווען זיכער, אז איך וועל האָבען א פערליעבטען און געטרייען מאַן.

* * *

די צייט אַליין איז אויך א וויכטיגער אינסטרומענט אויף אָבצושעצען דעם ווערטה פון א ליעבע. די צייט איז אונזער בעס־טע לעהרערין. זי לערענט אונז אונטערשיידען צווישען א לעבלעך־ווארימער ליעבע און א פייערדיגער ליעבע, צווישען אן עראָטישער

ליידענשאַפט און אַן אמת'ער עכטער נשמה־ליעבע. עס איז שוין לאַנג בעשטעטיגט פון דער פּסיכאָלאָגישער וויסענשאַפט, אַז אַן איבערפלעכליכער „פלירט“ ווערט מיט דער צייט אָבגעקירצט און פערלאָשען, בעת אַן עכטע, דויערענדע ליעבע ווערט מיט דער צייט שטאַרקער, עכטער, אייביגער.

די קורצקייט פון אונזער לעבען, די אונגעדולד פון די פערליעבטע, צו געניסען, זיינען די אונטערטרייבער, וואָס טרייבען אַ פּאָר פאָלק אונטער דער חופּה צו ראַש, צו אונאיבערלעגט. איך קען דאַריבער בלויז ראַטהען יעדען מאַן און יעדע פרוי: האָט געדולד! כאַפּט ניט! עסט ניט, ווען דאָס עסען איז נאָך צו הייס! עס האַנדעלט זיך וועגען דעם וויכטיגסטען און פעראַנטוואָרטליכסטען שריט פון אייער לעבען. אַ מאָנאַט געדולד קען פאַר אייך בעדייטען אַ גליקליך לעבען. דער האָניג־חודש שמעקט ערשט דאַן זיס, ווען מען האָט פריהער גענאָסען די ביטערע פּילען פון פערדאַכט, איבערלעגונג, געדולד און בענקעניש.

# עלטער און געזונדהייט.

האָלט דער מענש זיין בלויז א חיה, וואָס ברענגט אויף דער וועלט קינדער, וואָלט די פּראָבלעמע, אין וועלכען עלטער א מענש איז הייראטספעהיג, געווען זעהר איינפאַך און מען וואָלט איהר געקענט פערענטפערען דורך פאָלגענדען דאָגמא:

אזוי לאַנג ווי א מאַן און א פרוי זיינען אימשטאַנד אַנצוצינדרען דעם פאַקעל פון לעבען, זיינען זיי הייראַט־פעהיג.

מיט אַנדערע ווערטער מיינט דאָס:

א מאַן איז הייראַט־פעהיג פון זיין זעכצעהנטען יאָהר אָן ביז צו זיין זעכציגסטען, אַמאָל זאָגאַר ביז צו זיין זיבעציגסטען און אַכציגסטען יאָהר. א פרוי ווידער מעג נעהמען א מאַן אין דער צייט צווישען איהר פערצעהנטען און פינף־און־פערציגסטען יאָהר.

דער מענש איז אָבער ניט נור א קינדער־געבווירענדע חיה, נור אויך א דענקענדע, פיהלענדע, פערנינפטיגע בעשעפעניש, א קאַפּריזע, נערוועזע, כאַראַקטערשומיכע ווענען, א פּאָליטישע, קאָמערציעלע און רעליגיעזע בעסטיע; א בעשעפעניש, וואָס מוז זיך אליין בעשאַפען גרענעצען, כדי איינצוהאַלטען דעם שנעלצוג פון זיינע ליידענשאַפטען, אז ער זאָל איהם ניט איבערפאָהרען; א בעשעפעניש, וואָס בעשאַפט זיך א פאַלשע לאָגיק, כדי צו פערשלייערען דעם אמת; וואָס גיט זיך אליין געבאָטען, ווייל זיין איינענער, פרייער ווילען קען איהם ניט קאָנטראָלירען — בקיצור, דער מענש איז דער געשיקסטער און געניאַלסטער טויגעניכץ אויף גאָט'ס קיילעכדיג וועלטעל.

צוליעב די אויסגערעכענטע טייערע מעלות, וואָס דער מענש האָט, איז די עלטער די שווערסטע פראָבלעמע פאַר א מאַן, וואָס וויל זאָגען צו חוה'ס א טאָכטער: „ווילסטו זיין אזוי גוט און

מיר שענקען דיין הענטעל, כדי מיר זאָלען צוזאַמען פאַבריצירען אביסעל צוקונפט?"

* * *

מיט בעצוג אויפ'ן עלטער, וואָלט די בעסטע חתונה זיין פאָלגענדע:

דער מאַן זאָל אַלט זיין פינף־און־צוואַנציג ביז פינף־און־דרייסיג יאָהר, די פרוי — אכטצעהן ביז פינף־און־צוואַנציג.

דער מאַן זאָל אימער עלטער זיין פון דער פרוי מיט פינף ביז צעהן יאָהר. פיעלע אורזאַכען קען איך אָנגעבען דאַפיר. די וויכטיגסטע אורזאַכע איז, וואָס דער מאַן ווערט שפּעטער אַלט ווי די פרוי און וואָס דעם מאַנ'ס בעפרוכטענדע קראַפט בלייבט לענגער קאָנסערווירט, ווי דער פרוי'ס.

א חוץ דעם מוז דער מאַן זיין דער לעהרער פון זיין פרוי. אַן אונשולדיגע פרוי, וואָס ווייס נאָך ניט דעם חילוק צווישען עץ הדעת און א געוועהנליכען עפּעל־בוים, איז געווים די טייערסטע, געשעצטסטע כלה, וואָס א מאַן קען זיך נור ווינשען. אַזאַ פרוי איז אין אונזערע אויגען א געטין, א ריינער מלאך, צו וועלכען מיר זיינען גרייט צו דיענען. אָבער אַן אונשולדיגער, נאַאיווער מאַן איז ניט נור לעכערליך, נור אויך געפעהרליך. זיין אונשולד, זיין נאַאיוויטעט אין געשלעכטליכע אנגעלעגענהייטען איז א שטענדיגע פערלעצונג פון די געזעצען פון דער נאַטור.

א מאַן פ א ר פינף־און־צוואַנציג אָדער פינף־און־דרייסיג, אויב ער איז נור ניט קיין געבוירענער הולטאַי, איז געוועהנליך נאָך זעהר ווייניג בעקאַנט מיט דער ווייבליכער געזעלשאַפט, און די פרויען, וואָס ער קען יאָ, זיינען מייסטענס דער אבשוים פון דער פרויען־געזעלשאַפט. אַזאַ מאַן קען ביים אויסקלייבען א פרוי זעהר מיאוס אריינפאַלען.

און אויך פ י ז י ש גערעדט, איז די פרוכט פון א צו יונגער הייראט אימער שוואַך און ווייט פון פאָלקאָמענהייט. די סטאַטיסטיקער פון אַלע לענדער האָבען בעוויזען, אז קינדער פון נאָך ניט גאַנץ רייפע מענער ווערען שנעלער קראַנק און שטאַרבען שנעלער ווי אנדערע קינדער. צו־יונג פערהייראַטע מענער האָבען א חוץ דעם נאָך אַן אַנדערע שוואַכקייט: זייער ליעבע ווערט באַלד

דערטרונקען אין שטורמישען ים פון צו ווילדע ליידענשאפטען.

האט אזא מאן נאך דערצו דאס אונגליק צו בעזיצען א פרוי, וואס בעאנשפרוכט א י י ב י ג ע ליעבע, וואס ברענט ניט אויס אין דערזועלבער מינוט ווי ער, נור זי בלייבט א צודרינגליכער מלוה, וואס מאהנט שטענדיג זיין חוב, כאטש דער לוה פיהלט זיך באנ־קראט — דאן ענטשטעהען יענע קריעגערייען, זידלערייען, האס, בעטרוג און סקאנדאלען, וואס מאכען הייסע גיהנום׳ס פון אזוי פיעל פאמיליען־לעבענס.

איז אבער דער מאן שוין רייף און פערשטעהט שוין די סודות פון ליעבע, וועט ער פון אנפאנג אן אבמעסטען זיינע איי־גענע פעהיגקייטען און די געשלעכטליכע בעדערפעניסען פון זיין פרוי, און וועט דאן זוכען אריינצובריינגען הארמאניע צווישען אנבאט און נאכפראגע און צו ווירטשאפטען אזוי, אז די הוצאה זאל ניט אריבערשטייגען די הכנסה.

ווארום הארמאניע און גליק ענטשטעהען פון דעם צוזאמענ־קלינגען פון צוויי פערשיעדענע אינסטרומענטען, אזוי, אז די קלאנ־גען פוןביידע אינסטרומענטען גיסען זיך צוזאמען אין איין אקארד.

ווען אין אן ארקעסטער שפיעלען צוויי אינסטרומענטען ניט דיזעלבע נאטען, ווען איינס שפיעלט צו שנעל און דאס צווייטע מוז לאנגזאם און שוואך נאכהינקען, איז דער אונגליק ניט איבריג גרוים. העכסטענס בעליידיגט אזא ארקעסטער דאס אויער פון די מבינים.

אבער אין דער חתונה מאכט די קלענסטע דיסהארמאניע א טיעפע וואונד אין די הערצער פון ביידע מענשען, וואס האבען זיך דאך אין גרונד געגומען פעראייניגט, כדי ארויסצוברענגען א גע־מיינשאפטליכען אקארד.

אוי מענער, אוי פרויען! שטודירט טאג ווי נאכט די האר־מאניען און מעלאדיען פון הארץ, קערפער און זעעלע, אויב איהר ווילט אין גארטען פון לעבען אבבייסען די דופטענדע רויז פון אמת׳ען פאמיליען־גליק!

וואס אנבעטרעפט די עלטער, קען מען צוזאמענשטעלען קאמ־בינאציעס פון פארלעך, וואס צייגען ווי שווער עס איז אין די

מייסטע פעלע צו געפינען א ווירקליכע הארמאניע אין פאמיליען־לעבען.

אפט הייראטען:

„צוויי ווערען, וואס זיינען שוין ביידע רייף און אין די מי־טעלע יאהרען".

„צוויי אלטע לייט".

„א מיטעל־יאהריגער אדער אלטער מאן און א יונג מיידעל".

„א יונגערמאן און א מיטעל־יאהריגע אדער אלטע פרוי".

טעגליך קען מען זעהן אזעלכע הייראטה־קאמבינאציעס. טעג־ליך קען מען זעהן, ווי שענדליך אזעלכע קאמבינאציעס זיינען פאר דאס מענשליכע גליק און וויפיעל אונגליקליכע, שרעקליכע רעזול־טאטען עס קומען ארויס פון אזעלכע פאלשע צוזאמענשטעלונגען. עס איז כדאי, אז מיר זאלען די דערמאהנע קאמבינאציעס איינס נאכ'ן אנדערען אביסעל נעהנטער בעטראכטען.

„ביידע זיינען שוין אין די מיטעלע יאהרען".

דיזע קאמבינאציע איז נאך די בעסטע פון די שלעכטע קאמ־בינאציעס, ווייל זי איז ווייניגסטענס פריי פון געפאהרען און שמערצליכע איבערראשונגען, כאטש אזא פאר פאלק שטייגט זעל־טען ארויף ביז צום העכסטען שפיץ פון ליעבעס־גליק, איז עס אבער דאך זיכער פון אריינפאלען אין אבגרונד פון ענטוישונגען. זייער לעבענס־שיף פאהרט זיך רוהיג אויפ'ן גלאטיגען טייך פון סימפא־טיע און חבר'שאפט, מיט'ן קלוגען פערשטאנד אלס קאפיטאן.

ביי אזא קאמבינאציע האנדעלט זיך אם מייסטענס וועגען אן אלטע ליעבע, וואס האט מיט די יאהרען ניט געוואלט אבשטאר־בען. צוויי פערליעבטע יונגעלייט האבען צוליעב א געוויסע מניעה ניט געקענט הייראטען. עס זיינען אוועק יאהרען און יאהרען, ביז אין א שעהנעם פריה־מארגען האט א גליקליכער צופאל אב־געראמט פון וועג דאס הינדערניס, דאס ליעבענדע פארעל האט זיך פלוצלינג ווידער בעגעגענט, נאטירליך שוין ניט מעהר אלס יונגעלייט, און א ים פון טייערע ערינערונגען שווימט אויף אין זייערע הערצער.

„געדענקסט אמאל, דארט הינטער יענעם בוים?"

„א פראגע צי איך געדענק!... ווי היינט געדענק איך נאך

יענעם זונטאג, ווען דו האָסט ארויפגעקוקט צו מיין פענסטער און מיר ארויפגעוואָרפען אַ קוש, ווערענד איך בין געשטאנען בע־ האלטען הינטער'ן פענסטער־גארדין"...

„ריכטיג!... און יענער קוש איז געוועזן דער אָנפאנג פון אַן אידיליע, אַ שטיק גן עדנ'דיג לעבען, וואָס שוועבט איצט פאר מיינע אויגען, ווי אַ טרוים פון אמאָליגען גליק..."

אלטע עראינערונגען שווימען ארויף, אלטעס גליק ווערט ווי־ דער לעבעדיג, זייער גאנצע יוגענד זעהען זיי איצט פאר זייערע אויגען. אלעס וואָס האָט דאמאָלס פּאסירט, ערשיינט איצט פאר זיי זאָגאר נאָך ראָזיגער, שעהנער און שטראהלענדער ווי עס איז געוועזן אין דער ווירקליכקייט, ווייל די פאנטאזיע, די גרויסע מאָה־ לערין, גיט צו צו די שעהנע פארבען פון דער אמאָליגער ווירק־ ליכקייט נאָך איהרע אייגענע גאָלדענע פארבען.

אונזער פּאָרעל איז ניט מעהר יונג. שוין ניט איין קנייטשעל אַקערט דורך זייערע געזיכטער. שוין ניט איין ווייסער פאָדעם שימערט אויף זייערע קעפּ. אָבער זיי, די אמאָליגע פערליעבטע, זעהען זיך היינט, ווי זיי האָבען זיך געזעהן מיט צוואנציג יאָהר צוריק. כאָטש דער פערלאנג איז געוואָרען אביסעל פויל, כאָטש דער דרוק פון דער האנד רופט שוין ניט ארוים קיין הארץ־קלאַ־ פעניש, כאָטש עס קומען שוין ניט ביי נאכט די יונגע בערוישענדע חלומות און צושטערען דעם שלום פון די חושים, בילדעט זיך אָבער דאָך אַן אטמאָספערע פון ליעבענדער פריינדשאפט ארום זיי, וואָס ווערט מיט יעדען טאָג אַלץ עהנליכער צו אמת'ער ליעבע.

און דאַן קומט אַ טאָג, ווען מען פיהלט זיך שוין אזוי נאָהנט איינס צום צווייטען, אַז אָהן לאַנגע ערקלעהרונגען, אָהן ציטערען און אָהן רויט ווערען, פעראייניגען זיך די הענד אין אַ פעסטען דרוק.

„וואָלסט ווירקליך נאָך וועלען...?"

„פאר וואָס ניט?"

פון דעם „פאר וואָס ניט", ווערט באלד אַ „יאָ": מאַן און ווייב ווערען אַ פּאָר. אין אזאַ חתונה איז ניטאָ קיין ערשיטערונ־ גען, קיין צוזאמענשטויסען, קיין ענטוישונגען. מאַן און פרוי לע־ בען גליקליך אין האפען פון אַ רוהיגען, זיכערען גליק.

אזעלכע פּרעהליכע, רוהיגע חתונות קענען גאַנץ גוט אויס־קומען אויך אָהן קינדער. און קומט נאָך אַ קינד אויף, ברענגט עס אריין פריהלינגס־דופט אין נעסט און די צוויי גליקליכע שטערב־ליכע פיהלען זיך יונג אויף דאָס ניי.

* * *

## „צוויי אַלטע לייט".

רעכענט מען צו דער בעשריבענער קאָמבינאַציע נאָך צו עטלי־כע צעהנדליג יאָהרען פּאַר יעדע טיילען, דאַן האָט מען פאַר זיך אַ נייע קאָמבינאַציע, מיט אַ פיעל קעלטערער טעמפּעראַטור. אָבער מיט'ן קלענער ווערען פון די גליקס־מעגליכקייטען ווערען אויך קלענער די געפאַהרען. און ווען צוויי אַלטע לייט סאַנקציאָ־נירען אַן אַלטע פריינדשאַפט דורך דער חתימה פון אַ מסדר קידושין, האַנדלען זיי ניט קינדיש, נור העלדיש.

צוויי אַלטע לייט הייראַטען מייסטענס דערפאַר, כדי צו סאַנק־ציאָנירען אַן אַלטע, געהיימע ליעבע אָדער כדי צו געבען זייערע אונ־געזעצליכע קינדער אַ געזעצליכע שטעלונג אין דער געזעלשאַפט.. אַזעלכע חתונות קען מען אָנרופען אויסבעסערונגס־חתונות, קאָרעק־טורען פון געמאַכטע טעותים. אזעלכע חתונות פערדיענען אונזער סימפּאַטיע, ווייל, ווי אַ פרומער חכם האָט אַמאָל געזאָגט, זיי מאַכען אונז לייכטער דאָס שטאַרבען, ווייל זיי בערוהיגען אונזער געוויסען.

אין דער חתונה צווישען צוויי אַלטע לייט, וואָס האָבען זיך ליעב, איז נאַטירליך די ליעבע ניט מעהר קיין בעטויבענדע בלום, נור אַ פריינדשאַפט, וואָס איז בעציערט מיט אַ מין געשלעכטליכע סימפּאַ־טיע, און וואָס געדויערט לענגער ווי געשלעכטליכע קראַפט.

ס'איז אָבער אויך פאַרהאַן גליקליכע, כאָטש זעהר זעלטענע פּעלע, ווען צוויי אַלטע לייט שניידען נאָך אין גאָרטען פון פאַמיליען־ליעבע זעהר גוטע זאַפטיגע פרוכטען. זיי בעהאַלטען זיי נאַטירליך, אַז פרעמדע זאָלען זיי ניט זעהן, און שעהמען זיך און ווערען רויט דערביי ווי איבער אַ געהיימע זינד.

* * *

## „אַ מיטעל־יאָהריגער אָדער אַלטער מאַן און אַ יונג מיידעל".

די היגיענע און די לאָגיק פערדיגען און וואָרענען, אַז אַן אַלטער

מאַן זאָל ניט הייראַטען אַ יונג מיידעל. אין דער פּראַקטיק זעהען מיר אָבער אַזעלכע קאָמבינאַציעס:

ער איז אַלט 40 יאָהר ; זי — 20.
ער איז אַלט 50 יאָהר ; זי — 18.
ע ראיז אַלט 60 יאָהר ; זי — 15.
ער איז אַלט 70 יאָהר ; זי — 30.
ער איז אַלט 70 יאָהר ; זי — 20.
ער איז אַלט 80 יאָהר ; זי — 40.
ער איז אַלט 80 יאָהר ; זי — 30.
ער איז אַלט 80 יאָהר ; זי — 18.

די דאָזיגע פאָרמולאַס זיינען קאַלט און גענוי ווי די ציפערען, אָבער זיי דעקען אויף פאַר אונזערע אויגען אַלץ טיעפערע אָבגרונטען פון אונגליק און פיהרען אונז אריין נאָך אין אַ שרעקלייכערען גיהנום ווי דאַנטע׳ס.

וויפיעל טרעהרען, וויפיעל בלוט קלעפען ניט אָן די דערמאָהנטע ציפערען! וויפיעל שטילער וועהטאָג, וויפיעל נקמה־פערראַט, וויפיעל חרטה, וויפיעל פערברעכענס, וויפיעל שמוץ, גאַל, יסורים און פערצווייפלונגס־טהאַטען ליגען ניט צווישען יענע קאַלטע פערשוויגענע צאַהלען!

אָבער אין דעם גיהנום געפינען מיר אויך שטיקלעך גן עדן, ווי אַאַזעס אין אַ מדבר.

פאַרהאַן צום ביישפּיעל חתונות, וואָס זיינען צוזאַמענגעזעצט לויט דער פאָרמולאַ: „ער — 60 ; זי — 30“ ; אָדער: „ער — 50 ; זי — 18“. אַזעלכע חתונות זיינען אָפּט אמת׳ע גן עדן׳ס פון גליק. עס פעהלט אין זיי ניט די שעהנע, דופטענדע פריהלינגס־בליטען פון פערליעבטהייט, ניט די שמערצלאָזע זיפצען פון בעפריעדיגונג, ניט די געשפּרעכען אָהן ווערטער און ניט די אונצעהליגע זיסקייטען פון אַ לעבען זאַלבעצווייט. און דער ריינער דופט. וואָס הילט אַרום אַלע הייליגע זאַכען, שוועבט אויך אַרום זיי.

אָבער פאַר וואָס געפינען מיר צווישען יענע שטומע, געפיהללאָזע ציפערען קיינמאָל ניט דעם לעצטען גרענעץ פון מענשליכען גליק און אונגליק? ווארום טאַנצען צווישען יענע צאָהלען אַרום מלאכים און טייוואָלים אין דערזעלבער צייט?

ווייל דאס פאמיליען־גליק צווישען אן אלטען מאן און א יונגע מיידעל איז א שוואך שיפעל, וואס שאקעלט זיך כסדר אהין און אהער, און ס'איז זעהר שווער צו האלטען עס אין גלייכגעוויכט. בלויז זעהר ווענינ מענשען קענען די קונץ. אבער דער, וואס פער־שטעהט יא די קונץ צו האלטען דאס שיפעל אין גלייכגעוויכט, געניסט דאס העכסטע גליק און עמפפינדעט יענעם בערוישענדע געפיהל, ווי איינער וואס שטעהט אויפ'ן שפיץ פון העכסטען פון אלע בערג.

אלע קלעטערען, אבער נור ווענינע דערקלעטערען ביז צום שפיץ. אבער יענע, וואס זיינען אין מיטען קלעטערען ניט ארונ־טערגעפאלען און זיך צובראכען דאס געניק, יענע וואס האבען זיך שווער ארבייטענדיג דערשלאגען ביז צום העכסטען פונקט פון גע־נוס, יענע פיהלען זיך מיט רעכט אלס גליקליכע, מוטיגע, פאר קיין געפאהר צוריקשרעקענדע, און זיי זיינען מיט רעכט שטאלץ אויף זייער אויפטהו.

אלע רעטענישען פון לעבען, גרעסטע ווי קלענסטע, דרעהען זיך ארום דער פראגע :

„זאל איך יא וואגען אדער ניט וואגען ?"
מיר קומען צו א ברייטען טייך.
מאנכע דערשרעקען זיך און קעהרען זיך אום.
מאנכע שפרינגען אריין און פרופען אריבערצושווימען.

אבער די מייסטע בלייבען זייער גאנצען לעבען שטעהן ביים ברעג, קוקען צו ווי אנדערע שפרינגען אריין און געהען צוריק, און קראצען זיך די פאטילניצע.

ווען עס קומען די פערציגער יאהרען, שטעלען זיך אלע בחורים און אלמנ'ם ביים טייך. וואס מען רופט חתונה, און פרעגען זיך :

„זאל איך איהם אריבערשווימען אדער ניט ?"

די מייסטע ווארטען מיט זייער ענטשלוס אזוי לאנג, ביז זיי ווערען 50 אדער 60 יאהר אלט. די פיס ווערען דערווייל, פון לאנגען שטעהן, אלץ שוואכער, דער טייך ווערט דערווייל, פון צו־פיעל איבערשוועמונגען, אלץ ווענינער טיעף, ביז ער טריקענט אין גאנצען אוים, און דאס רעטעניש פון דער חתונה ווערט פאר זיי

פערענטפערט דורך דעם, וואָס עס בלייבט שוין אייביג אָהן א תשובה.

אנדערע ווידער, שטעהענדיג ביים טייך, רופען נאָך א קור־צער איבערלעגונג:

„איך שפּרינג אריין!“

אוןביידע האָבען קלוג געהאנדעלט — יענער, וואָס האָט מורא געהאַט, און דער וואָס האָט ארויסגעצייגט מוטה. ווייל די חתונה צווישען אן אַלטען און א יונגער פרוי איז א שווערע מאָראַלישע פּראָבלעמע. דער שרעקעדיגער האָט געהאַט פאר די אויגען די צוקונפט פון אזא פערבינדונג און האָט זיך געשראָקען, ווייל אזא פאַמיליען־לעבען איז ווי א גלעזערנע כלי אָנגעפיעלט מיט געפעהר־ליכע גאַזען, וואָס ווען זי ווערט צובראָכען, עקספּלאָדירט זי מיט א קנאַק און לאָזט נאָך צוריק א זעהר העסליכען ריח.

דער מוטיגער אָבער האָט אויך געהאַט רעכט. לאַנג קלערען, צווייפלען, קראַצען זיך דעם קאָפּ האָט קיין צוועק ניט פאר איי־נעם, וואָס וויל געניסען. א שפּרונג — און ער שווימט שוין. נאַטירליך איז עס א געפעהרליכער שפּרונג און ווייניג שפּרינגער דערגרייכען מיט גאַנצע ביינער דעם צווייטען ברעג. די מייסטע ווערען מיעד אין מיטען שווימען און ווערען דערטרונקען אין שטור־מישען קאָכעדיגען וואַסער. מאַנכע פאַלען אריין אין אן אָזירע, זינקען אין שמוץ ביז צום האַלז און קענען מעהר ניט ארויסקריכען. דאָן לאַכט פון זיי קינד און קייט, און פון זייער האָפנונג ווערט פערצווייפלונג. אָבער דער מוטיגער פרעגט ניט קיין שאלות. דער ווילען נאָך גליק, דער מענשליכער פערלאַנג נאָך געניסען איז א גע־רעכטער, צי ער ברענגט ערפאָלג צי דורכפאַל, ווייל ער איז א נאַטירליכער.

* * *

אין „גאָרטען פון געטהזעמאַנע, אין וועלכען אַלע מענשען טרינקען דעם בעכער פון צווייפעל; אין דיזען גאָרטען פון צוויי־פעל, פון וועלכען מיר מוזען ארויסגעהן מיט א בעשטימטען „יאָ“ אָדער „ניין“, אויב מיר ווילען געהן רעכטס אָדער לינקס, כאָטש מיר ווייסען ניט, וועלכער וועג עס פיהרט צו גליק און וועלכער צו אונגליק — אין דעם דאָזיגען גאָרטען, זאָג איך, מעג מיין קליין

ביכעל איך דיענען אלס פיהרער, ווען איהר ווילט לייזען די שווער־סטע פון אלע לעבענס־רעטעגישען, דאָס רעטעניש פון פאמיליען־גליק.

און איך, וואָס נעהם זיך דאָס רעכט צו זיין אייער בעל יועץ, נאַטירליך נור ווען מען ברויכט מיין עצה, וויל אייך הויך און דייט־ליך אויסשפּרעכען מיין וויכטיגסטען, פונדאַמענטאַלען ראַטה, אויף וועלכען עס מוזען זיך שטיצען אלע איבעריגע עצות, וואָס האָבען ניט אזא וויכטיגען פּרינציפּיעלען ווערטה:

די חתונה צווישען אַן עלטערען מאַן און אַ יונגע דאַמע קען פיהרען צום גליק, ווען זי איז אויפגעבויט אויף געגענזייטיגע ליעבע.

שוין ניט אזוי זיכער פיהרט אזא חתונה צום גליק, ווען בלויז איין טייל האָט חתונה אוים ליעבע.

אָבער גאַנץ בעשטימט צום אונגליק פיהרט אזא חתונה, ווען דער מאַן האָט חתונה אוים געשלעכטליכער תאוה און די פרוי אוים געלד־זשעדניקייט און ווייל זי האָט אויף טייערע קליידער און אויף אַ הויכע געזעלשאַפטליכע שטעלונג.

און גראָד דיזער דריטער סאָרט חתונות קומט פּאָר אַם אָפט־סטען. פון אזא קאָמבינאַציע קומען אַרוים די אלע פאמיליען־טראַבעלס, אונגליקען, בעטרוגען און פערברעכענס, פון וועלכע דאָס שטראָף־געזעץ ווייס אזוי ווייניג.

* * *

איך הער, ווי אַ וויציגער לעזער, צוקומענדיג צו דיזער שטע־לע פון מיין בוך, בעמערקט מיט אַ סאַרקאַסטישען שמייכעל, אז מען וואָלט מיך בעדאַרפט אריינזעצען אין אַ משוגעים־הויז. „דו, מאַנטעגאַצאַ, זאָגט ער, בעהויפּטעסט, אז אַ חתונה צווישען אַן אַלטען מאַן און אַ יונגע פרוי קען נור דאַן זיין גליקליך, ווען זי איז אויפגעבויט אויף אמת'ע געגענזייטיגע ליעבע. יאָ, זאָג נור, דו מערקווירדיגער מאַן, ווי און ווען קען אַ יונג, פרעהליך, דופטענ־דיג מיידעל, וואָס זוכט מענערליעבע און מוטער־גליק מיט די אויגען, אויערען, נאָזלעכער און מיט אלע איהרע חושים — ווי אזוי קען אזא מיידעל ליעב האָבען אַ מאַן, וואָס טראָגט שוין דעם בארג פון אַלטקייט אויף זיינע אַקסלען, וואָס טרייסלענדיג זיך צווישען רו־מאַטעס און קאַטאַר, צווישען דיספּעפּסיע און הוסט, צווישען על־

טערשוועכע און מורא פאַר׳ן טויט, קען ער אַ פרוי צופריעדען שטע־לען? ניין, נאָר זעהר וועניג ענטציקונג קען ער איהר בעווייזען, און אויך דיזע נור אין אַ שמוציגער, ניט־נאַטירליכער פאָרם?"

ניין, וויציגער לעזער, איך האָב ניט געשפּאַסט, נור איך האָב באמת געוואָלט לייזען דיזע פּראָבלעמע, וואָס שיינט צו זיין אונ־לייזבאַר. איך גלויב אויפריכטיג, אַז אַ יונגע דאַמע קען ליעב האָ־בען אַן אַלטען מאַן; נאַטירליך מוז דיזער מאַן נאָך אַלץ זיין אַ מאַן און דאָס וואָס מען רופט אַ שעהנער מאַן. ווייל די קרעפ־טיגע, בליהענדע, מונטערע עלטער האָט איהר אייגענע שעהנקייט; און כאָטש מאַנכע זאַכען פעהלען איהם, האָט אָבער אַזאַ מאַן אַ סך צאַרטע טוגענדען, וועלכע אַ יונגער מאַן האָט ניט.

אַ חוץ דעם גרינדעט זיך די ליעבע אויף אַזוי פיעל פערשיע־דענע פונדאַמענטען, זי האָט אַזוי פיעל פערשיעדענע פאָרמען און בילדעט זיך אַרויס פון אַזוי פיעל פערשיעדענע עלעמענטען, אַז זי קען אַמאָל אויך פאַר אַ גרייז־גראָהען קאָפּ זיך דערוואַרימען און בעגייסטערען. איז ניט דער 75 יאָהריגער געטהע היים גע־ליעבט געוואָרען פון אַ יונג מיידעל? און וויפיעל אַלטע קינסט־לער, פּאָליטיקער, שריפטשטעלער און וויסענשאַפטס־מענער קען מען אין דער היסטאָריע געפינען, וואָס האָבען אין גאַנץ יונגע מייד־לעך אָנגעצונדען גליהענדע פלאַמען פון ליידענשאַפט?

אַזאַ ליעבע האָט נאַטירליך שוין ניט דעם גליהענדען ברען פון דער יוגענד און קען איהם ניט האָבען. דערפאַר בעזיצט זי האַכאַכטונג, צערטליכקייט, אָפט אויך אַ מין מיטלייד מיט איהר אַלטען געליעבטען, און מיטלייד איז דאָך גראָד אַ געפיהל וואָס פערנעהמט אין אַ פרוי׳ס הארץ דעם ערשטען פּלאַץ.

יונגעלייט זיינען מייסטענס זעהר שלעכטע מענער צו זייערע פרויען, ווייל אין זייער יוגענדליכען שטאָלץ פערלאַנגען זיי, אַז די ליעבע זאָל זיי, אַזוי צו זאָגען, אַריינפאַלען אין שוים אַריין אַלס אַ מתנה פאַר זייער מענליכער קראַפט. זיי פערלאַנגען ליעבע אַלס אַ זאַך, אויף וועלכע זיי האָבען אַ פעסט רעכט, כאָטש זיי ערפילען ניט אימער די פליכט, וואָס גיט זיי דאָס דאָזיגע רעכט אַלס אַ בעלוינונג.

דער עלטערער מאַן דאַגעגען פיהלט זיין אייגענע שוואַכקייט.

ער פערלאַנגט דאַרום די ליעבע ניט אַלס אַ רעכט, וואָס קומט איהם, נור אַלס אַ גנאַדע, וואָס ווערט געשענקט און פאַר וועלכען מען מוז דאַנקבאַר זיין. און דער אַלטער מאַן דאַנקט דערפאַר פאַר אַ ביסעל ליעבע מיט זיין גאַנצען האַרצען, מיט זיין גאַנצער נשמה. ער ווייס, אַז מען איז איהם גאָר ניט שולדיג, און דערפאַר בעגגי־געגנט ער זיך מיט אַ שמייכעל, מיט אַ צערטליכקייט, מיט אַ קוש. ער היט זיין ליעבע ווי אַ טייערען אוצר, וואָס קען ביי איהם יעדען אויגענבליק אוועק גע׳גנב׳עט ווערען דורך אַן אַנדערען, איינגערען. ער פערטיידיגט זיין ליעבע מיט זיין גאַנצער קראַפט, ער שליסט זי איין אין זיין ארון קודש און האַלט זי הייליג ווי אַ גאָטהייט. און די פרוי פון אַזאַ מאַן לעבט רוהיג און זיכער, אַז זי וועט ניט פערראַטען ווערען, ווי מיליאָנען אַנדערע פרויען, וואָס האָבען יונגע מענער.

* * *

אויב אָבער אַזעלכע פערבינדונגען זאָלען באמת זיין גליקליך, מוזען דער מאַן ווי די פרוי זיין עהרליכע און עהרענהאַפטע מענ־שען, מענשען וואָס האַלטען הייליג אַ פערטראַג ניט דורך צוואַנג, נור מיט׳ן פרייען ווילען, אָהן הינטערגעדאַנקען און אָהן ברירות. דער אַלטער מאַן מוז, איידער ער זאָגט דעם „הרי את“, זיך אַליין אָבגעבען דין וחשבון און גיכער רעכענען מיט אַ גרעסערער דעבעט זייט ווי מיט אַ קרעדיט־זייט אין דער בוכהאַלטעריע פון זיין צו־קונפטיגען פאַמיליען־גליק.ביידע צדדים מוזען זיך קלאָהר ווערען איבער אַלע אַנגעלעגענהייטען, וואָס האָבען אַ שייכות מיט דער חתונה און אפילו די הויפטזאַך, די מענליכע קראַפט, טאָר ניט בלייבען ניט־בעשפּראָכען און ניט־ערקלעהרט.

איך געדענק אַ שרעקליכען פאַל פון פאַמיליען־אונגליק, וואָס איז געקומען דערפון, וואָס דער אַלטער חתן האָט „פערגעסען“ צו ערקלערען זיין כלה דעם צושטאַנד פון זיין מענער־קראַפט.

אַ רייכער גראַף מיט אַ בעריהמטען נאָמען האָט געקראַגען חשק צו בעפּוצען זיין אַלטען קערפּער מיט די רויזען פון פאַמיליען־גליק, און ער האָט זיך אויסגעקליבען אַ יונג, פריש, ליעב מיידעל אַלס זיין פרוי. זי איז נאָך געווען פאָלקאָם אונשולדיג און פון

„עקס איפּסילאָן" פון דער ליעבע האָט זי ניט געהאַט די מינדעסטע ידיעה.

נאָך דער חתונה האָט איהר דער גראַף געגעבען צו פערשטעהן, אז ער קען איהר ליעב האָבען בלויז ווי א ברודער, א שוועסטער, אָבער די גענוסען פון ליעבע קען זי פון איהם ניט ערוואַרטען. ער וועט, האָט ער איהר געזאָגט, זיין איהר אנגענעהמער געזעלשאַפ־טער, בעגלייטער, היטער און וועט זי בעשיטצען מיט רייכטימער. אָבער מעהר ווי דאָס טאָר זי פון איהם ניט פערלאַנגען.

דאָס יונגע מיידעל איז מיט אלץ געווען צופרידען, ווייל זי האָט נאָך גאָר ניט פערשטאַנען.

די ערשטע מאָנאַטען נאָך דער חתונה זיינען אָבגעלאָפען גליק־ליך און צופרידען. אָבער א דרייסטער, שעהנער בחור, א שכן פון דעם פּאַרעל, האָט זיך פאַרגענומען אויסצולערנען די יונגע פרוי דאָס „עקס איפּסילאָן" פון דער ליעבע, און ער האָט זיך ארויס־געוויזען אלס אזא גוטער לעהרער, אז זיין שילערין האָט געבוירען א קינד, א שעהן, שוואַרץ־לאָקיג איינגעלע.

דער אלטער גראַף איז געווען גענוג קלוג און גרויסמוטיג צו צו פערצייהען זיין פרוי איהר וויסענסדורשט און התמדה אין לערנען. ער האָט די גאַנצע שולד גענומען אויף זיך און האָט פערשפּראָכען צו מאַכען דאָס ממזר'ל פאַר'ן יורש פון זיין ריזיג פערמעגען. אָבער זיין נאָמען האָט ער איהם ניט געקאָנט געבען, ווייל דעם גראַף'ס אונפעהיגקייט אין הלכות ליעבע איז געווען צו גוט בעקאַנט צווי־שען זיינע בעקאַנטע. דעם גראַף'ס מחילה איז געווען אזוי גרינד־ליך און אויפריכטיג, אז נאָכ'ן ערשטען קינד איז באַלד געקומען א צווייטעס. אויב דער גראַף איז באמת געווען שטאַרק גליקליך און קיין פּיצעל חרטה ניט געפיהלט וועגען זיין חתונה, וואָג איך ניט צו בעהויפּטען...

בקיצור, מיין עצה צו אייך איז: בעת איהר שילדערט פאַר אייער כלה אייערע פינאַנציעלע פערהעלטניסע, פערגעסט ניט, אלטע לייט, אז ס'איז פאַרהאַן אין דער חתונה א זאַך, וואָס רופט זיך „עקס איפּסילאָן", און וועלכעס איז פאַר'ן פאַמיליען־גליק פיעל וויכטיגער ווי פערמעגען.

* * *

דער סאַרט חתונות פון וועלכע מיר האלטען איצט אין ריידען, קומט פאַר פיעל אָפטער, ווי מען שטעלט זיך פאָר, און די גליקליכע פעלע קומען דוקא פאַר פיעל אָפטער, ווי די טעאָריע וויל אונז איינ־ריידען, ווייל אין ענין ליעבע איז די פרוי פיעל אידעאַלער ווי דער מאַן: וועהרענד ביים מאַן זיינען שעהנקייט און תאוה די הויפט־זאכען אין דער ליעבע, זוכט די פרוי אין דער ליעבע עפּעס העכערס, אידעאַלעס, פּאָעטישעס, וואָס האָט מעהר שייכות צום הארץ ווי צו די חושים.

די ליעבע פון א מאַן צו א בעריהמטער, אָבער העסליכער פרוי איז נאָך א פיעל זעלטענערע זאַך ווי א ווייסע פליג. אָבער די ליעבע פון א יונגען מיידעל צו אן אלטען בעריהמטען מאַן איז כמעט א טאָג־טעגליכע ערשיינונג. דיזער פאַקט אליין איז גענוג, צו דערוועקען אין אונז יראת הכבוד און הויכשעצונג פאַר דעם פרויען־געשלעכט.

דער עלטערער מאַן האָט פאַר זיין פרוי אַנדערע אוצרות ווי דער יונגער, און ניט גראַדע שלעכטערע. ער בעזיצט רייכטום, א הויכע געזעלשאַפטליכע שטעלונג, א גאַנצע מענגע גוטע, אנגענעהמע מעלות, וועלכע ער קען לעגען פאַר די פיס פון א פרוי און צו איהר זאָגען:

„דאָס אַלעס איז דיינס; דערפאַר וועסטו מיר שענקען א קליין ביסעלע ליעבע".

איך פערשטעה גאַנץ גוט, אז אזא מין פערבינדונג האָט שוין מעהר א פּנים ווי א געשעפט, און וואָס מעהר זי דערווייטערט זיך פון ליעבע אַלץ נעהנטער קומט זי צום בעגריף מסחר. אָבער אפילו אין דער הייליגער שריפט קומט פאַר דאָס וואָרט „געשלעכטליכער מסחר". און פאַר וואָס טאַקע זאָל ביי א חתונה ניט פאָרקומען אויך אביסעל געשעפטליכעס? אויב די בילאַנץ איז נור ניט פאַר איין צד צו גינסטיג און פאַר'ן צווייטען צד צו אונגינסטיג, אויב ביים מסחר קומט נור ניט פאָר קיין בעטרוג, קענען אזעלכע חתונות זיך ארויסווייזען אלס גאַנץ גליקליכע.

* * *

ווען א מאַן הייראט א פיעל אינגערע פרוי, שמייכעלט דאָס פּובליקום סאַרקאַסטיש און טייטעלט מיט'ן פינגער, ווי איינער

רעדט: גיב אכטונג, וואָס דו טהוסט. קוק יעדע וויילע אריין אין שפּיעגעל צי ס'וואקסען דיר ניט קיין הערנער.

די מאסע איז קיינמאָל ניט איבריג געשייט, בעזאָנדערס אין פּסיכאָלאָגישע ענינים. געוויס בעגרייפט א יונגע פרוי, וואָס הייראט אן אלטען מאן, זעהר אָפט, אז איהר מאנ'ס עלטער קען איהר דיענען אלס א גוטע ענטשולדיגונג פאר פערשיעדענע „פאלשע טריט". אָבער זאָגט דעם אמת! קוקט ארום זיך און זאָגט מיר, אויב דאָס הערנער־וואקסען קומט ניט פאָר אויך צווישען יונגע פּאָר־פאָלק!

די הערנער וואקסען אין יעדען קלימאט און אויף יעדען קאָפּ, וואָס זיצט אויף די שולטערען פון א מאן, בעזאָנדערס אָבער דאָרט, וואו די פרוי האָט ניט קיין אכטונג פאר איהר אייגענעם מאן, ווייל הערנער זיינען א פרוכט, וועלכע דער מאן, וואָס קריגט זיי, פלאנצט מיט זיינע אייגענע הענד.

פון דער דאָזיגער וואהרהייט בין איך פאָלקאָם איבערציינגט. ווען מען וואָלט שרייבען א סטאַטיסטיק פון „געקרוינטע" קעפּ, וואָלט זיך ארויסגעשטעלט, אז דער גרעסטער פּראָצענט קעפּ, וואָס טראָגען הערנער־קרוינען, זיצען דוקא אויף די אקסלען פון יונגע מענער.

אויב איהר, מיט אייערע גרויע האָהר, האָט נאָך אין זיך מוטה צום הייראטען, און דוקא מיט א יונגער, טו שטודירט צוערשט דעם כאראקטער פון אייער בעשערטער. איז זי אן אנשטענדיגע פרוי, דארפט איהר פאר פעררעטה איצט פיעל ווייניגער מורא האָבען ווי דאן, ווען איהר זיינט נאָך יונג געווען. א פרוי איז שטאָלץ אויף זיך אליין, און פרייוויליג וועט זי קיינמאָל ניט זינדיגען, כאָטש די וועלט וואָלט איהר, דער יונגער פרוי פון אן אלטען מאן, א זינד זעהר שנעל מוחל זיין. אויך א פרוי האָט ליעב העלדענטאטען, טהאטען וואָס פערלאנגען פון איהר קרבנות. יעדע פרוי פיהלט זיך גליקליך, ווען זי האָט געהאט צו פיהרען שווערע קעמפּפע מיט'ן יצר הרע און האָט איהם בעזיעגט. אין איהר הארץ וועט דאן אימער קלינגען דער ווידער־קול פון יענע שלאכטען און יעדען פערפיהרער וועט זי שטאָלץ ענטפערען: „איך בין ניט פון יענע!"

* * *

איך קום צום שלום:

אויב איהר, מיט אייערע ווייסע האָהר, האָט נאָך דעם מוטה אריינצופלעכטען אין אייער לעבען בלאָנדע אָדער שווארצע פרויען־האָהר, טו שטעלט זיך פריהער א גאַנץ נאַקעטער פאַר׳ן שפּיגעל פון אייער שלאָף־צימער און בעטראַכט אייך לאַנג, לאַנג. אָבער נאָך לענגער בעטראַכט אייך אין שפּיגעל פון אייער געוויסען, וואָס משפּט אָהן גנאַדע.

ציהט דעם באַלאַנס פון אייער פּיזישען „איך", פון מאָראַלישען און אינטעלעקטועלען „איך"; איבערלעגט, צי איהר זיינט נאָך א „מעגליכער" מאַן, נאָך גענוג שעהן, גענוג קרעפטיג צו געפעלען א פרוי. איבערלעגט וויטער אויב איהר האָט געפונען א מיידעל וואָס איז מעהר מלאך ווי ווייב, מעהר פרוי ווי ווייב. קענט איהר אויף די אַלע פראַגען געבען בעפרידיגענדע תירוצים, דאַן מעגט איהר אָהן מורא פאַר טעותים און געוויסענביסען געבען אייער בע־שערטער די האַנד צום אייביגען בונד. און שטאַרבענדיג, וועט איהר קענען זאָגען:

„די לעצטע יאָהרען פון מיין לעבען זיינען געוועזן די שעהנסטע. אין מיין יוגענד האָב איך געהאַט הונדערטע פרויען; אין מיין עלטער בלויז איינע. אָבער דיזע איינע איז בעסער געוועזן ווי יענע הונדערט. דיזע איינע איז געוועזן די ברכה פון מיין לעבען".

* * *

## „דער מאַן יונג, די פרוי אַלט".

קיין שלעכטערע פּאָר פּאָלק קענען מיר זיך גאָר ניט פאָרשטע־לען ווי א יונגערמאַן מיט אן אַלטער פרוי.

דאָס אבשטויסענדע, וואָס ליגט אין אַזאַ פערבינדונג, קומט דערפון, ווייל די נאַטור גופא רעוואָלטירט געגען אַזאַ פערהעלטנים.

א מאַן קען נאָך אַמאָל מיט 80 יאָהר אויך זיין א מאַן. איך מוז אַלע מאָל שמייכלען, ווען איך דערמאָהן זיך אָן יענער דאַמע, וואָס האָט זיך בעקלאָגט, אַז איהר 70־יעהריגער מאַן איז צו היציג און פערמוטשעט זי מיט צו פיעל ליעבע. יעדער ווייס, אַז די מענערקראַפט פון די בעריהמטע שריפטשטעלער פאָנטאַנעל און רישעלעי זיינען פערשוואונדען ערשט מיט זייער טויט, ביים ערש־טען צו זיין 100טען יאָהר, ביים לעצטען צו זיין 80טען.

אָבער אַ פרוי איז שוין אין איהר 45טען, העכסטענס 50טען יאָהר אַן אונפּרוכטבארע בעשעפּעניש. אַ הייראט צווישען אַ יונגען מאַן און אַן אַלטער פרוי איז אַלזאָ דירעקט געגען די נאַטור־געזעצען. אַן אַלטער מאַן קען נאָך ברענגען פרוכטען, אַן אַלטע פרוי אָבער ניט.

די סבות וואָס פיהרען צו אַזאַ פערבינדונג זיינען געוועהנליך זעהר לומפּיגע און זיי בעליידיגען אונזער מאָראַליש געפיהל; אויף דער זייט פון דער פרוי זעהען מיר נידריגע תאוה און אויף דער זייט פון מאַן זשעדניקייט נאָך געלד. דער מאַן פּראַסיטוּאירט זיך איינפאַך. אַזאַ חתונה איז די געמיינסטע פאָרם פון ליעבעס־האנדעל.

דער מאַן, וואָס פערקויפט זיין יוגענד און זיין קראַפט פאַר געלד, און די פרוי, וואָס ניט האָבענדיג מעהר קיין רעכט אויף ליע־בע, קויפט זי זיך דיזע ליעבע ווי מען קויפט אַ סחורה, און בע־פרידיגט איהר שמוציגע תאוה מיט אַ מאַן, וועלכען זי וואָלט איי־גענטליך בעדאַרפט פעראַכטען — ווי העסליך, ווי אבשויליך זיי־נען אַזעלכע צוויי בעשעפּענישען! אַ מארק פון שאַנד און גע־מיינהייט איז דאָס; גאָלד ווערט דאָ געפּישט אין אַן אָזערע, וואָס בעשמוצט די הענד און דאָס געוויסען.

צום גליק און כבוד פון דער מענשהייט קומען אַזעלכע חתונות זעהר זעלטען פאָר. מענער וואָס פערקויפען זיך פאַר ליעבע, טהוען עס מייסטענס אין געהיים און פערבאָרגען זייער זינד אין די דיכ־טע פאַלדען פון מאָדערנער צבועטסטוואָ. „דיין בעצאָהלטער ליעב־האָבער וויל איך זיין, אָבער ניט דיין מאַן“.

די פרוי אָבער וויל אימער זיין געהייראט, ווייל זי וויל עס קענען אויסרופען שטאָלץ פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז ניט קוקענ־דיג אויף איהר עלטער און די פיעלע קנייטשען אויף איהר פנים, האָט זי נאָך אויסגעקראָגען אַזאַ טיכטיגען בעט־גענאָס.

דער מאַן בעהאַלט זיך הינטער זיין בושה, וואָס פעהלט גע־וועהנליך אפילו דעם שענדליכסטען פערברעכער ניט. ער בעהאַלט זיין שאַנד אין דער טונקעלהייט פון אַ „פּרייוער ליעבע“ און דער־מיט האָפט ער, אַז ער וועט אי בלייבען געאַכטעט ביי מענשען, אי

בלייבען ביי דער אפותיקא, וואָס ער האָט אזוי שווער פערהאָרעוועט, אַרבייטענדיג מיט'ן שוויים פון זיין פנים.

איך וויל ביי דיזען טהעמא ניט לענגער זיך אויפהאַלטען, ווייל איך האָף, אז די יונגע מענער, וואָס האָבען געהייראַט אַלטע פרויען, וועלען ניט לעזען מיין בוך, וועלכעס זיי וואָלטען בלויז בעשמוצט מיט זייערע אונרייינע הענד.

* * *

איידער איך הער אויף וואַשען דיזע שמוציגע וועש, וויל איך אָבער דאָך, צוליעב דעם אמת, ניט פערשווייגען, אז די לעבענס־געשיכטע קען עטליכע זעלטענע פעלע פון חתונות צווישען א יונ־גען מאַן און אַן אַלטע פרוי, ביי וועלכע געלד און נידריגע תאוה האָבען דוקא גאָר קיין ראָלע ניט געשפּיעלט. עס האַנדעלט זיך, נעמליך, וועגען גייסטיגע פערבינדונגען צווישען פרויען און מענער, וואָס האָבען געהאַט דיזעלבע סימפּאַטיען, דעמזעלבען געשמאַק, דיזעלבע פּרינציפּען, האַרמאָנישע געדאַנקען און גלייכע געפיהלען, כאָטש זייער עלטער איז געווען שטאַרק פערשיעדען.

די ליעבע איז דאָך דער גרעסטער, מעכטיגסטער וואונדער־פאַבריקאַנט, דער גרעסטער פון אַלע בעלי מופתים. איך אליין קען א יונגענמאַן, וואָס האָט נאָך קיינמאָל ניט געליעבט קיין יונגע מיי־דעל, אָבער אַלטע פערעהרט ער זעהר שטאַרק. בלויז די מורא צו מאַכען זיך לעכערליך, האַלט איהם אָפּ פון הייראַטען אַן אַלטע פרוי. נאַטירליך, קען מען אַזא פאַל אויך צוצעהלען צו די פיעלע פעלע פון געשלעכטליכע אבנאָרמאַליטעט, ווי סאַדאָמיע, סאַדיזם און לעסבישע ליעבע. אָבער דער יונגערמאַן, פון וועלכען איך רעד דאָ, איז אין אַלע אַנדערע זאַכען דוקא געוועזן א גאַנץ נאָרמאַלער מענש.

אָבער גייסטישע פערבינדונגען זיינען פאַקטען, און דוקא גאַנץ נאַטירליכע, ווייל זיי זינדיגען ניט געגען דער נאַטור. מיר מוזען אויף זיי קוקען ווי אויף זעלטענע ערשיינונגען, וואָס אַדלען און פערפיינערען דאָס מענשליכע האַרץ.

———o———

# פיזישע סימפאטיען — ראסע און נאציאנאליטעט.

די ליעבע איז די שטארקסטע און געפעהרליכסטע אנציהונגס קראפט. פונקט ווי דער כעמישער שטאף פאטאסיום, פערבינדענדיג זיך מיט'ן זויער־שטאף, מוז דעם דאזיגען שטאף זויגען פון וואסער און איהם דאן אנצינדען, ביז עס ענטשטעהט א העלערפלאם, אזוי דערפיהלט דער מאן, שוין ביים ערשטטען בליק וואס ער ווארפט אויף א פרוי, דעם אטאם, וואס צינדט זיך גלייך אן און ברענט העלל, ביז ער צינדט אן א נייעם לעבענספאקעל.

פונקט ווי אין דער כעמיע זוכט איין מאלעקול דעם צווייטען, ציהט איהר אריין אין זיך און ווערט מיט איהם איינס, אזוי ציהט אין דער ליעבע איין גאנצער ארגאניזם אן אנדערען גאנצען ארגאניזם אריין אין זיין קרייז און לויפט דאן נור נאך מיט איהם ווייטער אויפ'ן לעבענסוועג און דרעהט זיך נור מיט איהם צוזאמען אין זיין לעבענס־צירקעל. אלע אברים, אלע אדערען, אלע נערוועז פון איין ארגאניזם זוכען די אברים, די אדערען און די נערוועז פון א צווייטען ארגאניזם, אלע גלידער ציטערען, די נערוועז צוקען, די געפיהלען וויינען און שלוכצען און די געדאנקען פוןביידע ארגאניזמען זוכען מיט דער גאנצער קראפט א פערבינדונג, א הארמאניע.

דיזען אויגענבליק, וואס מאכט צוויי פערשיעדענע וועזען ציטערען, פיבערען און ווי מיט א מאגנעט זיך דרענגען איינס צום צווייטען, רופען די פראנצויזען: „א בליץ־שלאג" (קן דע פודר).

און ווירקליך, ווי א בליץ ווירקט יענע גיגאנטישע קראפט, וואס שלעפט מאן צו ווייב און ווייב צו מאן. אין די ערשטע אנ־

פאנגען הייסט דיזע קראפט „סימפאטיע", העכער אביסעל הייסט זי „ליעבע".

* * *

איך האָב די יעניגע וואָס פרעדיגען פאַרזיכט אין דער ליעבע. אָבער אויך איך פיהל זיך פערפליכטעט, אויסצורופען:

„געטרויט ניט צו שטארק א „בליץ־שלאג!"

מען וועט מיר מסתמא ענטפערען, אַז פונקט אזוי וואָלט איך געקענט פרעדיגען, אַז מען זאָל ניט גלויבען אין הונגער, אין דורשט און אין זונשיין.

די בליץ־שלעג זיינען אין זייער אויסזעהן עהנליך איינס צום אנדערען, אָבער אין זייער אינהאַלט זיינען זיי זעהר פערשיעדען. עטליכע זיינען אונשולדיגע בליצען, וואָס פערשפרייטען פיעל ליכט און רופען ארויס בעטויבענדע דונערען, אָבער זיי שאַדען קיינעם ניט. זיי זיינען מאָמענטואַלע אויסברוכען פון ליידענשאַפט, מעהר ניט.

אנדערע ווידער פערברענען און צושמעטערען אויף זייער וועג אַלעס. פאַר אַזעלכע בליצען רעטעט אונז בלויז דער בליץ־אַבלייטער. ווען אַזאַ בליץ־שלאג טרעפט אונז, זיינען מיר דערשלאָגען און טויט, ס'הייסט, מיר זיינען פון קאָפּ ביז צו די פיס עלעקטריזירט פון יענער קראַפט, וואָס שטרוימט ארויס פון אַ צווייטען קערפער, וואָס נויטיגט זיך פיעללייכט אין אונזער קערפער פונקט אזוי שטארק, ווי אונזער קערפער אין איהם.

איבערלעגט זיך אַלזאָ און פּרובירט אויפלייזען יעדע נייע ליידענשאַפט, וואָס פאַקט אייך, אין דער מאַשין פון אנאַליזע. איהר געהערט צו אַן אַנדערער און די אַנדערע געהערט צו אייך, אויב דער בליץ־שלאַג וואָס טרעפט אייך איז אַ געגענזייטיגער.

דער גאַלוואַנישער שטראָם פון ליעבע קען אויך אין אַן אַנדער פאָרם אויפטרעטען, ניט בלויז אַלס בליץ, נור אויך אין דער געשטאַלט פון צאַרטע, לאַנגזאַמע פונקען, פון געהיימניספולע, וואַרימע וועלען.

קודם כל דערפיהלט מען אַן אויבערפלעכליכע סימפּאַטיע וואָס פליסט ווי אַ דונער שוויס איבער'ן גאַנצען קערפער; אביסעל שפּעטער שפּירט מען שוין אַ שטאַרקער גראַבלען אויף דער הויט,

וואָס דרינגט באַלד דורך ביז צו די מוסקלען, נערוועז, אינגעווייד און געפיהלען און קריכט אַלץ טיפער אַרונטער. אין מאַרך פון די ביינער שטעלט זיך עס אָפּ, ווייל מעהר האָט עס ניט וואָס צו עלעק־טריזירען.

טעאָרעטיש בעטראַכט, איז דיזע צווייטע אַרט פון ליעבע האַרטנעקיגער און דויערהאַפטער ווי די ערשטע אַרט נאָך דעם אַלטען גרונדזאַץ, אַז לויט אַ היץ איז שטאַרק, אין דעם זעלבען מאָס שפּרייט זי זיך אויס. אין דער פּראַקטיק אָבער קומען אַ מאַן און אַ פרוי אויף דעם זעלבען מעמד דורך אַ „בליץ־שלאַג“, ווי דורך „פונקען“ אָדער „וועלען“. אַלץ איז נור אַ פראַגע פון צייט. מען קען פאָהרען אין אַן עקספּרעס־טריין צי אין אַן אָמניבוס־וואָגען, מען קומט דאָך צום זעלבען ציעל.

די ליעבע איז אַזאַ געשיקטער און מעכטיגער צויבערער, אַז זי קען אונז נעהמען אין פלען אַריין אויףביידע אופנים, און ניט נור איינמאָל. צוערשט טרעפט אונז ליעבע מיט איהר בליץ, און דערנאָך עלעקטריזירט זי אונז לאַנגזאַם. און איצט קען שוין קיין מאַכט אין דער וועלט ניט, ניט אַ געטליכע און ניט אַ מענשליכע, רעטען אונז פון אונזער ליידענשאַפט. מיר זיינען דאַן ניט מעהר קיין מענער, נור אַן „עפּעס“, אַן אבר פון איהר, וואָס האָט אונז בעזיעגט.

* * *

די גראַנדיעזע געזעצען פון אַנציהונגס־קראַפט זיינען אונז בעקאַנט, און מיר פערשטעהען די צוציהענדע און אָבשטויסענדע אַטאָמען, וואָס גרופּירען זיך אין אונזער אַ בעשטימטער אויבער־הערשאַפט, וואָס די כעמיע בעצייכענט מיט געוויסע ציפערען. אָבער יענע קרעפטען און געזעצען, וואָס שטויסען אָפּ און ציהען צו פערשיעדענע קערפּער און הערצער איינס צום צווייטען, זיינען אפילו פאַר דעם יעניגען ניט אין גאַנצען קלאָהר, וואָס פערשטעהט דאָס בוך פון פּסיכאָלאָגיע, וואָס ווערט פערשטאַנען בלויז פון איי־נעם צווישען אַ מיליאָן מענשען.

די סימפּאַטיע מוז צוערשט זיין אַ פיזישע, דאַן אַ מאָראַלישע, צום שלוס ערשט אַן אינטעלעקטועלע. זי מוז זיך בעוועגען אויף

יענער הויפט־שטראסע, וואס פיהרט פון ווייניגער צו מעהר, פון אויסערליכען צום אינערליכען.

אפילו די גרעסטע דום־קעפ ווייסען שוין היינט, אז ענטגעגענגעזעצטע טיפען זוכען און ליעבען איינס דאס אנדערע: דאס בלאנדע ציהט צו דאס ברוינע און פערקעהרט; מאגערע און קליינע מיידלעך ווערען געליעבט פון ריזען און קראפטמענשען. די געגענזעצע בעגעגנען זיך אבער ניט נור קערפערליך, נור אויך זעעליש. פערשיעדענע כאראקטערע, אויב זיי זיינען נור גוטע, האבען זיך שנעלער ליעב, ווי גלייכע.

אפט שיינט עס אונז ווי א וואונדער, ווען מיר זעהען ווי א שעהנער מאן פערגעטערט א העסליכע פרוי און א שעהנע פרוי קוקט אזוי פערליעבט אויף א העסליכען פער'גושמ'טען קערל. בעטראכטענדיג אזעלכע קאטראסטען, שווימט אין אונז אפט אויף דער חשד, אז געלד, שמוציגע תאוה און גאסענפרויערישע געמיינהייט מוזען אין אזעלכע פערבינדונגען שפיעלען א גרויסע ראלע. אבער אונזער פערדאכט איז א גאנץ פאלשער. די דאזיגע קאנטראסטען ציהען זיך צו איינס דאס אנדערע דורך יענע געזעצען פון „וואהל־קרבות", פון וועלכע מיר קענען נאך ניט די אורזאכען, ווייל מיר זיינען נאך דערווייל צו אונוויסענד און קורץ־זיכטיג צו דערקענען דעם שורש פון אונזער נאטור.

קוקט זיך נור ארום אין קרייז פון אייערע בעקאנטע און איהר וועט געפינען גענוג אזעלכע מערקווירדיגע פערבינדונגען צווישען געגענזעצען. איך דערמאן זיך אן א יונג בחור'ל, וואס האט אויסגעזעהן ווי דער זונענגאט אליין. ער בעזיצט אלע גוטע מעלות, וואס א מענש קען נור קריגען דורך געבורט, גייסט און פערמעגען. אבער ניט קוקענדיג, וואס אלע ווייבער זיינען אין איהם געווען פערליעבט, האט ער אליין ארויסגעוויזען א פאלשטענדיגע גלייכגילטיגקייט געגען דאס ווייבליכע געשלעכט. אבער אין א שעהנעם טאג האט ער מיר דערצעהלט, אז ער האט זיך שטערבליך פערליעבט אין א געוויסער פרוי, וועלכע ער האט פאר מיר באלד פארגעשטעלט. זי איז געווען ניט שעהן און ניט יונג און טויזענד אנדערע מענער וואלטען אויף איהר אפילו קיין בליק ניט געווארפען.

און איך קען נאך א יונגענמאן, וואס איז געווען ביז איבער

די אויערען פערליעבט אין א ווייבליכע חורבה, און אָבגעלעבטע קאָ־קעטקע, וואָס האָט איהרע רואינען שוין ניט געקענט בעהאַלטען אפילו אונטער שמינקע און קאָסמעטיקס. דער יונגערמאַן האָט זי אַזוי הייס געליעבט, אַז ער האָט זי באַלד געהייראַט, און היינט לעבען זיי ווי צוויי טייבעלעך.

* * *

עס איז העכסט וויכטיג פאַר אייער גליק, פאַר אייער הייראַט, צו וויסען צי דער בליץ־שלאַג אָדער די ליעבעס־וועלען, וואָס האָבען אייך עלעקטריזירט, האָבען אין אייך אָנגעצונדען אן אייביגען פלאַם אָדער נור א בענגיאַלישעם ליכט. אום גאָטעס און אום הימעלס ווילען, פערגעסט דאָס ניט אויסצופאָרשען. גלויבט ניט אין די אַלגעמיינע רעדענסאַרט, וואָס האָט שוין אַזוי פיעל קרבנות גע־פאָדערט:

„האָט חתונה, אויב די מאַטעריעלע און באַלעבאַטישע פער־העלטניסען פון אייער בעשערטער זיינען גוטע. די ליעבע וועט קומען שפּעטער".

ניין, די ליעבע וועט ניט קומען שפּעטער. די ליעבע קומט נור זעהר, זעהר זעלטען און אימער קומט זי גאַנץ צופעליג. אָבער זיכער וועלען קומען שפּעטער: געגענזייטיגער האַס, קללות, סקאַנ־דאַלען, הערגער און קינדער, וואָס וועלען טראָגען א פאַלשען נאָ־מען, דאָס הייסט, אייערען. זיכער וועט קומען דער שמוציגער זומפּ, אין וועלכען אונזער מאָדערנע געזעלשאַפט וועלקט זיך. אויב א מאַן און א ווייב פיהלען ניט קיין הייליגען שרעק ביים דערנעהנטערען זיך איינס צום צווייטען, אויב זייערע הענד ציטע־רען ניט ביים אָנריהרען איינס דאָס צווייטע, אויב זייער ערשטע אומאַרמונג רופט אין זיי ניט אַרויס קיין דעליריום און עקסטאַז, איז עס פאַר זיי ביידע פיעל געזונטער, אַז זיי זאָלען איבערהויפּט ניט הייראַטען.

* * *

די פיזישע סימפּאַטיע צווישען מאַן און פרוי קען פיהרען אין גן עדן אריין, אָבער דער וועג אַהין איז זעהר א לאַנגער. שוין אָפט האָט מען פערפעהלט דאָס ציעל, נאָך איידער מען האָט דערגרייכט די פעלדער פון ליידענשאַפט און פון געדאַנק. לאָגיקער זיינען אין

דער ליעבע נור יענע אַפריקאַנער ווילדע, וואָס פּרובירען אויס איינס דאָס אַנדערע, איידער זיי הייראַטען זיך, און לויט די פּראָבע פאַלט אויס, אַזוי האַנדלען זיי. אָבער מיר מאָראַלישע, פערשעהמטע לייט קענען ניט אויספּרובירען, נור ראַטען אויף'ן צימבעל. ענט־וועדער מיר טרעפען, אָדער מיר פעהלען. וועה דעם יעניגען, וואָס האָט געמאַכט אַ טעות.

צום גליק איז די ערשטע סימפּאַטיע, וואָס אַ פרוי'ס אויסער־ליכער אָנבליק דערוועקט אין אַ מאַן, אָפט אַ ווידערשיין פון איהר גאַנצען וועזען, אויסערליכען ווי אינערליכען. אַ שעהנע אויבער־פלעך קען נור דאַן מאַכען אַ טיעפען איינדרוק, ווען זי איז דער אָבגלאַנץ פון אַ נאָבעלער אינערליכער נאַטור, האַרץ און זעעלע. אָבער לײדער איז דאָס אויסערע ניט תמיד דער שפּיעגעל פון אי־נערליכען, אָפט מאַכט מען אַ טעות און דאַן צייגט זיך אַרויס, אַז אַן אייז־קאַלטער מאַן האָט גאָר געהייראַט אַ גיהנום הייסע פרוי און אַ ווינטערקאַלטע פרוי מוז אייביג שוויצען אונטער די אומ־אַרמונגען פון אַ גליהענדען מאַן. אין אַ סך געזעץ־ביכער ווערט אָנגעגעבען אַלס געניגענדער שיידונגס־גרונד דער פאַקט, וואָס מאַן און פרוי קענען זיך ניט פערטראָגען. די געזעץ־ביכער האָבען דאָ איינמאָל פון טויזענד, געטראָפען דאָס ריכטיגע. ווייל ס'איז שווער זיך פאָרצושטעלען אַ שרעקליכערעס פאַמיליענטראַגעדיע, ווי די, ווען מאַן און פרוי קענען איינס דאָס אַנדערע ניט ליידען.

דאָס אידעאַל פון פיזישער האַרמאָניע צווישען אַ מאַן און אַ פרוי בעשטעהט אין דעם, וואָס ביידע שפּירען אַ גלייך הייסען הונגער פאַר דערזעלבער זאַך.

דיזער פאַל פון פאָלשטענדיגער פיזישער האַרמאָניע איז אָבער זעהר זעלטען, און דאַריבער מוז דער מאַן, דער אייגענטליכער קאַ־פּעלמייסטער פון פאַמיליען־אָרקעסטער, אָנגעבען דעם טאָן, מאַכען איהם העכער אָדער נידריגער, ביז עס ענטשטעהט צווישען דעם מאַנ'ס און דעם ווייב'ס ליידענשאַפט אַ פאָלשטענדיגער אַקקאָרד. די זאַך איז ניט אַזוי שווער ווי זי שיינט. אַז אַ גרויסער קאַפּעל־מייסטער קען הונדערט פערשיעדענע אינסטרומענטען פון אַן אָר־קעסטער מאַכען מאַרשירען אין דעם זעלבען טאַקט און מיט דער זעלבער שנעלקייט, קען עס פאַר אַ קליינעם קאַפּעלמייסטער ניט

שוועד זיין צו זעהן, אז צוויי אינסטרומענטען זאָלען ריכטיג צוזאַ־מענקלינגען און איינהאַלטען דעם זעלבען טעמפּאָ.

קודם כל זאָל דער קאַפּעלמייסטער געדענקען, אז ער מוז זיין מוזיק־שטיק איבּיג שפּיעלען. דאריבער מוז ער זיין מיטשפּיעלער צוגעוועהנען צו א ניט איבּריג שנעלען טאַקט, כּדי ניט מיעד צו ווערען. אויב איהר וועט אייער מוזיק גלייך פון אָנהויב אָן אָנ־פאַנגען שפּיעלען פּאַרטיסימאָ, אין אכטעל־אָדער צוויי־און־דריי־סיגסטעל־טענער, זיינט איהר א פערלאָרענעם מענש! אייער מיט־שפּיעלערין וועט זיך צוגעוועהנען צו דעם שנעלען טעמפּאָ און דאָס קען פאר אייך ווערען א קאַטאַסטראָפע.

ווייל אפילו א פרוי, וואָס איז ניט בעזאָנדערס שטאַרק ליי־דענשאַפטליך, מוז דאן גלויבען, אז איהר ליעבט איהר ניט מעהר. יעדע נאַכט וועט זי זיפצענדיג אָפּמעסטען אייער קאַלטקייט, לויט דעם מוזיקאַלישען טעמפּאָ, וואָס איז פּלוצלינג אזוי לאַנגזאַם גע־וואָרען. כאָטש איך אליין האָב שוין א סך געשריבען וועגען דער געשלעכטליכער היגיענע און פיעלע אַנדערע שריפטשטעלער זיינען אויף מיין וועג געגאַנגען ווייטער, איז אָבער די פרוי אין דעם ענין נאָך אלץ געבליבען פאַלשטענדיג אונוויסענד. נאָך אלץ מעסט זי אָפּ א מאַנ'ס ליעבע לויט דער שטאַרקייט און אָפטקייט פון זיינע אומאַרמונגען.

מען דאַרף, אלזאָ, בערעכענען די צוקונפט. פון אָנהויב אָן זאָל מען די פרוי געוועהנען אָן א לאַנגזאַמע טעמפּאָ. אויב דער כח ערלויבט עס, קען מען אַמאָל אויך שפּיעלען אָן אַלעגראָ. אָבער קיינמאָל זאָל מען זיך ניט אריינלאָזען אין פּאַרטיסימאָס, אין שנעלוואַלצער.

* * *

איך זעה, אז איך האָב זיך גאָר אריינגעכאַפּט אין פעלד פון חתונה־היגיענע, וועהרענד איך וויל דאָך דאָ ריידען פון זאַכען, וואָס דאַרפען גענומען ווערען אין בעטראַכט פ א ר דער חתונה.

ווי געזאָגט, בלייבט פאר א ציוויליזירטען מענשען ניט אַנדערש איבריג, ווי נור צו ד ע ר ר א ט ה ע ן, ווי שטאַרק זיין צוקונפט־טיגע פרוי איז ליידענשאַפטליך.

ווי אזוי דעררטה מען דאָס?

קודם כל שטודירט די פערהעלטניסען פון איהר פאַמיליע, בעזאָנדערס פון איהר מוטער, ווייל פון דער מוטער ירשנען די קינדער דעם נערוועו־סיסטעם, די לײדענשאַפטען, מאָראַלישע ריינקייט אָדער געשלעכטליכע תאוה. קיין זאַך געהט ניט אזוי איבער בירושה, ווי די פעהיגקייט צו ליעבען. איך ווייס פון שרעקליכע פאַמיליען־קאַטאַסטראָפען, וואָס האָבען פאַסירט בלויז דערפאַר, ווייל דער מאַן האָט פאַר זיין חתונה שטודירט בלויז דעם כאַראַקטער פון זיין כלה, אָבער ניט פון איהרע טאַטע־מאַמע.

איך אליין האָב אַמאָל געראָטען מיינעם אַ פריינד, צו הייראַטען אַ מיידעל, ווייל איך האָב דאָס האָב דאָזיגע מיידעל געהאַלטען פאַר אַ שטילען מלאך, פאַר אַ פערשעהמט, צנועה׳דיג קינד, וואָס וועט זיך בעגניגען מיט וויפיעל זי וועט קריגען. מיין פריינד האָט מיך געהאַלטען פאַר אַ גרויסען ספעציאַליסט אין אַזעלכע זאַכען, און דאריבער האָט ער זיך גלייך אַוועקגעלאָזט אויפ׳ן שטורמישען ים פון חתונה. אָבער וועה! אין עטליכע מאָנאַטען שוין האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז דאָס יונגע ווייבעל איז ניט קיין צנועה׳דיגער מלאך, נור אַ טייוולישער וואַמפיר, וואָס זויגט דאָס בלוט פון די אַדערען. ערשט איצט האָב איך זיך דערמאָהנט, אַז איך האָב גאָר פערגעסען צו ערקונדיגען זיך וועגען טעמפעראַמענט פון איהר טאַטע־מאַמע.

נאָך דעם ווי איהר האָט אונטערזוכט איהר טאַטע־מאַמע און די אונטערזוכונג איז אויסגעפאַלען לויט אייער וואונש, דאַרפט איהר זיך נעהמען בעטראַכטען און שטודירען דאָס מיידעל זעלבסט.

אויב איהר פערלאַנגט אַ רוהיגע, בעשיידענע פרוי, מוזט איהר אין אייער בעשערטער געפינען אַזעלכע אייגענשאַפטען:

בלאָנדע האָהר, בלויע אויגען, פולעם פלייש.

אַ פרעהליכער בליק, ניט געצוואונגענע בעוועגונגען, קיין נערוועזיטעט אָדער נור זעהר ווענינ, ניט שטאַרק פליישיגע ליפען, קיין האָהר אויף דער אויבערשטער ליפ.

שטאַרקע ליעבע צו קינדער, אַלס זיכערער בעווייז פון איהר מוטער־געפיהל. אגב איז שטאַרקעס מוטערגעפיהל דער שטאַרק־

סטער צוים, וואָס האַלט צוריק א צו העפטיגע ליידענשאַפטליכקייט אין ענין ליעבע.

אָדער ווינשט איהר אפשר א פייערדיגע פרוי?

אזעלכע קענט איהר געפינען פיעל לייכטער. אזא פרוי האָט שווארצע האָהר, שווארצע אויגען, א ברוינע הויטפארב, בלאָנ־זענדיגע, מענליכע ליפּען און א מאָגערען קערפּער.

זי איז זעהר עמפּפינדליך, שטארק נערוועז און בעזיצט א סך לוינען. איהר בליק שטראַהלט און איהרע בעוועגונגען זיינען ווי פון א שלאַנג.

דאָס זיינען אָבער בלויז די גראָבע, אויסערע ליניען פון די פיזיקאַלישע און מאָראַלישע עלעמענטען. גענוי בעשרייבען זיי איז איבערהויפּט ניט מעגליך.

ביי מיין כאַראַקטעריזירונג פון די בלאָנדע און ברוינע האָב איך נאַטירליך זיך בעצויגען אויף יענע פעלקער, וואָס זיינען עט־נאָגראַפיש שטארק געמישט און וועלכע מען געפינט אין יעדער שטאָדט פרויען מיט בלאָנדע, ברוינע און שווארצע האָהר. ביי פעלקער, וואו אַלע מענשען זיינען בלאָנד אָדער אַלע זיינען שווארץ, טרעפט מען נאַטירליך שווארצע פרויען מיט פייערדיגע אויגען, וואָס זיינען היים, אָבער אויך אזעלכע, וואָס זיינען אייז־קאַלט.

נאָך וויכטיגער ווי די פאָרם פון די פרויען איז זייער קער־פּערליכער געבוי, ווייל דערפון דערקענט מען, ווי אזוי דער אָרגאַ־ניזם האָט זיך אין אַלגעמיין ענטוויקעלט. צווישען פעטע פרויען געפינט מען זעלטען געשלעכטליך ליידענשאַפטליכע, אויסער ווען זיי זיינען היסטעריש אָדער ווען מען קען זעהן פון די האָהר, וואָס זיי האָבען אויף זייערע בריסטען און אויף דער אויבערשטער ליפּ, דער־קענען, אז זיי וועלען בלייבען עקרות. פונקט אזוי זעלטען געפינט מען קאַלטע פרויען צווישען די מאָגערע, אויסער ווען זיי האָבען אויף זיך די סמנים פון עקרות: צו פיעל האָהר אויף דער אויבער־שטער ליפּ און אַרום די ברוסט־וואָרצלען.

אויך די פעטקייט פון די ליפּען איז א גוטער מאסשטאב פאר דער געפיהלס־פעהיגקייט פון א פרוי. איך האָב דעם דאָזיגען מאס־שטאָב אויספּרובירט ביי פערשידענע ראַסען אין אפריקא און

אזיען, ביי וועלכע עס הערשט פיעלווייבעריי, און וואו די פיזישע ליעבע בילדעט דאס גרעסטע פערגנינגען און די וויכטיגסטע בע־שעפטיגונג, סיי ביי די מענער, און סיי ביי די פרויען.

* * *

איך רעכען, אז א חתונה צווישען איינעם פון מיינע לעזער און א נעגערין, א האטענטאטין אדער א קאפערין איז אבסאלוט אויסגעשלאסען. איך וועל דאריבער אזעלכע פערבינדונגען ניט אריינציהען אין קרייז פון מיינע בעטראכטונגען. איך האלט ניט פון אזוי גערופענע „קרייצונגען", דאס הייסט פון קינדער, וואס קומען ארויס פון א וויסען מאן און א שווארצע פרוי. אבער איך וויל דא גלייך אונטערשטרייכען: ס'איז א טעות צו גלויבען, אז קרייצונגען זיינען א געפאהר פאר די צוקונפטיגע דורות. אבער א מיאוסען טעות מאכען אויך יענע לייט וואס גלויבען, אז קריי־צונגען צווישען פערשיעדענע מענשען־ראסען זיינען ניצליך און נויטוועגדיג.

די קרייצונג פון א העכערער מענשענראסע מיט א נידריגער מענשענראסע ערנידריגט די ערשטע און דערהויפט די צווייטע. דערפון קומען אלזא ארויס קינדער פון א מיטלערען דורכשניטלי־כען ווערטה.

די מישונג צווישען צוויי נידריגע ראסען ברענגט ארויס ניד־ריגע פירות, אבער פון א גאנץ נייעם סארט נידריגקייט.

די פערבינדונג פון א העכערער ראסע מיט א מיטלערער רא־סע ברענגט זעהר פערשיעדענע פרוכטען, וועלכע מען מוז שטודי־רען פון פאל צו פאל.

אויב איהר וועט קיינמאל ניט הייראטען א נעגערין אדער אן אינדיאנערין, וועט איהר אויך שווערליך האבען אפעטיט צו א כינעזערין אדער יאפאנעזערין. אבער אלס איטאליענער קענט איהר זיך זעהר לייכט פערליעבען אין אן ענגלענדערין, א דייטשע אדער א שפאניערין. און היינט צו טאג, ווען די אייזענבאהן און דער טעלעגראף פיהרען צוזאמען פערשיעדענע פעלקער און ווארפען איין אלע גרענעצען, איז די חתונה דער ווינקעלשטיין פאר א „פער־איינינגטע שטאאטען פון איירָאפא", פון וועלכע עס וועט זיך שפע־

טער ענטוויקלען „די פעראייניגטע שטאַאַטען פון דער וועלט“.

די פערשיעדענהייט פון די מענשליכע טיפען און די סימ־פּאַטיען וואָס ענטשטעהען צווישען געגענזעצצען בעשאַפען זעהר לייכט פייערדיגע ליעבעס צווישען ברוינע און בלאָנדע פעלקער. ניט איין איטאַליענער האָט געמוזט פון סקאַנדינאַוויען (שוועדען און נערוועגען), אַנטלויפען, ווייל ער האָט אין די הערצער פון די דאָרטיגע בלאָנדע טעכטער אָנגעצונדען צו פיעל ליעבע. און ווען אַ בלאָנדער גערמאַן וואַנדערט אין זיין יוגענד אוועק קיין שפּאַניען אָדער זיד־אַמעריקאַ, קומט ער זעלטען צוריק אָהן אַ פייערדיגע בראַזיליאַנערין מיט אַ האַלב טוצענד ברוינע קינדערלעך.

איז דאָס, פרעגט זיך, גוט פאַר דער מענשהייט, אָדער שלעכט?

פאַר די קינדער איז אַזאַ מישונג גוט, אָבער פאַר די בעטרע־פענדע מענער און פרויען ברענגט זי ניט קיין גוטע רעזולטאַטען. דאָס גליק פון אַ מאַן און אַ פרוי ווערט אַלזאָ געאָפּפערט צוליעב דעם גליק פון דעם מאַן. איהר אַליין מוזט, אויב איהר וויליגט איין אויף אַזאַ פערבינדונג, פריהער אָבוועגען די רעזולטאַטען.

נאַציאָנאַליטעט הייסט נאָך ניט ראַסע, אָבער זי איז זעהר עהנליך צום בעגריף ראַסע. די נאַציאָנאַליטעט איז די סומע פון אונצעהליגע פיזישע, מאָראַלישע און גייסטיגע עלעמענטען, וואָס אַ געוויסע נאַציאָן בעזיצט, און וועלכע מאַכען דעם ענגלענדער אויסזעהן און פיהלען אַזוי פערשיעדען פון שפּאַניער און דעם אי־טאַליענער פון נאָרוועגיער.

אונזער אָבשטאַמען פון אַן אַנדער לאַנד ווי אונזער פרוי׳ס, מיינט פאַר אונז ניט נור רעדען אַן אַנדער שפּראַך ווי אונזער פרוי, נור עס בעטייט אויך, אַז מיר ליעבען, פיהלען, דענקען, האַסען און ווינשען אויף אַ גאַנץ אַנדערען אופן ווי אונזער פרוי. מיר אַלע זיינען אַ מין ברוך־שטיקלעך פון אַ לאַנגער געשיכטע וואָס ציהט זיך זינט פיעלע, פיעלע יאָהרהונדערטע. עס איז אַ מעגליכע, אָבער אַ זעהר שווערע און זעלטען גליקליכע זאַך צו פערבינדען צוויי מענשען, וואָס זיינען געבוירען אונטער אַ פערשיעדען הימעל און וואָס האָבען פערשיעדענע איבערצייגונגען, פערשיעדענע גע־

וואהנהייטען, פערשיעדענע רעליגיעזע, מאראלישע און פאליטישע אידעאלען.

אין די מייסטע פעלע ענטשטעהט אזא פערבינדונג צוליעב געלד אינטערעסען אדער יחוס־אינטערעסען, אויסער ווען אן אל־מעכטיגע ליעבע, וואס נעהמט אויף קיין זאך קיין ריקזיכט ניט, האט ווי א קראנקהייט געפאקט די בעטרעפענדע יונגע צוויי מענשען. אונטער פערשיעדענע אנדערע חתונות צווישען פערשיעדענע נאציאנאליטעטען זיינען בעזונדערס „בעריהמט" די חתונות פון אמעריקאנער מיליאנערסקע טעכטער מיט אייראפעאישע גראפען, פירשטען און פרינצען, וואס זוכען נור די אמעריקאנישע מיליאנען און נעהמען די טעכטער בלויז אלס ניט־געווינשטען צוגאב.

אין א חתונה צווישען מענשען פון פערשיעדענע נאציאנען איז זעלטען דא גליק און צופרידענהייט און נאך ערגער ווערט זייער פערהעלטנים, ווען זייערע רעליגיאנען זיינען אויך פערשיעדען.

א שטארקע ליעבע קען ניט עקזיסטירען אהן א שטארקען גלויבען. ווער ס'ליעבט גליהענד, דעם שטערט ניט די פערשיעדענהייט פון שפראך און זיטען און ער פרעגט אויך ניט, אויב זיין געליעבטע געהט אין א מאשעע, אין א שוהל אדער אין א קירכע. אבער אפילו די שטארקסטע ליעבע בערוהיגט זיך מיט דער צייט און פערוואנדעלט זיך אין א שטילער, ליעבער געוואהנהייט. און ווען דאס שטורמישער מעער פון ליידענשאפט האט זיך בערוהיגט און אבגעקיהלט, דאן זעהט מען ערשט אויפ'ן גרונד די שארפע שפיציגע שטיינער פון די פערשיעדענע רעליגיאנען, פערשיעדענע אידעאלען, פערשיעדענע איבערצייגונגען, וואס הערשען צווישען פאר פאלק. און די שטיינער פערוואנדלען זיך מיט דער צייט אין געפעהרליכע פעלזען און דאס שיף פון פאמיליען־לעבען איז אין שטענדיגער געפאהר אויף זיי ארויפצופאהרען און צושמעטערט ווערען.

נאכ'ן האניג חודש קומען דאן די שטורמישע צייטען. די צייט טרייבט אונזער שיף ארויף אויף די זאמדבערג פון גלייכגילטיגקייט, אדער אונזער שיף ווערט אריינגעצויגען אין ווירבעל פון שטרייט און מחלוקות און ווערט צושמעטערט.

און זאָלען נור די אריינגעפאלענע פּרובירען פערשטאָפּען די לעבער פון שיף מיט זייער געלד אָדער מיט זייערע טיטולען! עס וועט זיי גאָר ניט העלפען, ווייל א צוריסען פאמיליען־שיף מיינט א צוריסענע אייניגקייט צווישען צוויי קערפער און צוויי זעעלען. אזא ריס קאָן קיין זאך ניט פערלאַטען.

# די האַרמאָניע און די געפיהלען.

ווען פיש, פויגעל און חיות דערפיהלען אין זיך ליידענשאַפט און לאָזען זיך אַרוים אויף אַ יאַגד נאָך ליעבע, בעפוצען זיי זיך מיט נייע גליעדער, זינגען זיי נייע ליעדער און ערפינדען גאַנץ נייע פערפיהרונגס־קונצען, און מיט די דאָזיגע עסטהעטישע און מוזיקאַלישע וואַפען פיהרען זיי זייערע ליעבעס־שלאַכטען. זיי צייגען זייער געליעבטער דאָס שענסטע, דאָס בעצויבערנדסטע, וואָס זיי פערמאָגען און דערמיט געווינען זיי דעם זיעג.

פונקט אַזוי פיהרען זיך מאַן און פרוי. זיי קאָרעקטירען, זיי בעהאַלטען זייערע חסרונות און צייגען אַרוים בלויז זייערע מעלות. יעדער צד פאָליטורט זיינע אַלטע מעלות, וואָס זיינען שוין אביסעל ראָסטיג און לעגט זיך צו נייע מעלות, וועלכע ער האָט ניט. מאָראַלישע שוואַכקייטען און שלעכטע געוואָהנהייטען ווערען ענטוועדער אַרויסגעטריבען אָדער פאַר אַ צייט איינגעשפּאַרט אין תפיסה. זיי פוצען אויס זייער הויז פון אויסען און פון אינווענינג, גלייך זיי וואָלטען ערוואַרטעט עפּעס אַ געהויבענעם גאַסט.

און זיי האָבען רעכט. זיי ערוואַרטען באמת אַ גאַסט. און ניט קיין קלענערען ווי די ליעבע אַליין.

די פייגעל, די פיש און די חיות הערען אויף צו זינגען און וואַרפען אַוועק זייערע הערנער, ווי נור זייער ליעבע איז בעפרידיגט. שטיל און גלייכגילטיג פערלאָזען זיי זייער געליעבטע און ווערען צוריק דאָס, וואָס זיי זיינען געוועזן פאַר דער חתונה. און דער פערפיהרטער געליעבטער פאַלט עס גאָר ניט איין צו פערקלאָגען דעם טריילאָזען געליעבטען, ווייל דאָס פאָרעל איז שוין געשיידט און קיינער דענקט ניט מעהר פון צווייטען.

ביי די מענשען אָבער ענדיגט זיך די עראָטישע קאָמעדיע מיט דער חופּה־נאכט, אָבער די חתונה בלייבט.

זי בלייבט און איהרע חסרונות בעווייזען זיך באַלד. די שלעכ־טע געוואָהנהייטען קעהרען צוריק, די איינגעקערקערטע שלעכטע מדות ווערען איינציגווייז בעפרייט פון זייער תפיסה.

און באַלד פאַנגען זיך אָן די ענטוישונגען פון פאמיליען־לע־בען. יעדער צד דערזעהט ביים צווייטען חסרונות, וועלכע ער האָט ניט ערוואַרטעט, ווייל פריהער זיינען זיי געלעגען ערגעץ בעהאַלטען.

עס איז דאריבער אונזער ערשטע אויפגאַבע, איידער מיר היי־ראַטען, צו ענטדעקען דעם אמת א ו נ ט ע ר דער שמינקע פון ווייבליכער קאָקעטעריע און אויסצוגעפינען וואָס עס טהוט זיך א ו נ ט ע ר דער פּאַליטור.

מען קען אפילו ניט אָנרופען צבועטסטוואָ יענע קינסטליכע פערשעהנערונג, וואָס מיר בעמערקען ביי אַ מאַן און אַ פרוי, וואָס זיינען פערליעבט איינס אין דאָס אַנדערע. אַ נאַטירליכע מעכטיגע קראַפט צווינגט זיי, צו זאָגען דער געליעבטער פּערזאָן דאָס בעסטע, וואָס זיי בעזיצען, און צו פערבאָרגען דאָס שלעכטע וואָס געפינט זיך אין זיי. אָבער פון דיזער אונשולדיגער קאָקעטעריע געהען זיי מייסטענס וויימער ביז צו דער ערגסטער צבוע'טסטוואָ, וואָס מאַכט גאָלד פון מעש, דימענטען פון גלאָז און אַ מלאך פון אַ שד.

זעהר ווענינע לייט זעהען ריכטיג, ווען זיי זעצען אָרויף אויף זייער נאָז די ברילען פון ליעבע און ניט אומזיסט ווערט ביי די אַלטע גריכען שוין די ליעבע פאָרגעשטעלט אַלס פרוי מיט פער־בונדענע אויגען.

דער פערליעבטער איז ניט נור פאַרבען־בלינד, נור איינפאַך פער'כשופ'ט. ער זעהט לויטער מעלות, ווען עס זיינען דאָ בלויז חסרונות, שוואַכקייטען ערשיינען אין זיינע אויגען אַלס ליעבענס־ווירדיגקייטען, אַ ליגען בעטראַכט ער אַלס אַ גוטען וויץ און אַ פער־ראַטה אַלס אַ שפּיעלעריי.

די שאַרפסטע פעהיגקייט צו בעאָבאַכטען, די געניועסטע קענט־ניס פון מענשליכען הארצען קען אונז ניט אויסהיטען פון פער־פיהרונגען, וואָס צייגען אונז דאָס געזיכט פון אונזער געליעבטער אַזוי שעהן, ווי אַ בערגיגע לאַנדשאַפט דורך אַ פּורפּור־רויטען גלאָז.

* * *

די דיסהאַרמאָניע צווישען די כאַראַקטערען איז די גרעסטע און אַלגעמיינסטע געפאַהר אין יעדער חתונה. זי קען זאָגאר פיהרען צו אַ שיידונג. זי בילדעט יענעם שרעקליכען פאַל, וועלכען דאָס געזעץ בעצייכענט אַלס די „אונערטרעגליכקייט צווישען די כאַראַקטערען".

און וואָס בעטייט דאָס שרעקליכע וואָרט? ווי הייסט דער שד, וואָס צושיידט מענשען, וועלכע די ליעבע האָט פעראייניגט, וואָס פערוואַנדעלט דעם תענוג אין יסורים, דעם האָניג אין גאַל, דעם גן־עדן אין אַ גיהנום?

צוערשט ווילען מיר אָוועקשטעלען דעם שרעקליכען פאַקט, אַז קיין זאַך איבט ניט אויס אַזאַ גוואַלדיג שלעכטען איינפלוס אויף דאָס פאַמיליענלעבען, ווי ווען אַ פּאָר פאָלק קען איינס דאָס אַנדערע ניט ליידען.

עס קען עקזיסטירען גליק צווישען אַ רייכען און אַן אָרימער, צווישען אַ יונגען מאַן און אַן אַלטער פרוי, צווישען אַן אַלטען מאַן און אַ יונגער פרוי, צווישען צוויי פערשיעדען געבאָרענע און פערשיעדען ערצויגענע מענשען. מיר האָבען פיעלע ביישפּיעלע, אַז פון די אַלע אויסגערעכענטע דיסהאַרמאָניען קען אַרויסקומען אַ גוטע האַרמאָניע. ווען אָבער די כאַראַקטערס זיינען הימעל־ווייט פערשיעדען איינס פון צווייטען, דאַן: ווער עס געהט אַריין אין אַזאַ פערבינדונג, זאָל אויפגעבען יעדע האָפנונג. פערצווייפלונג איז כמעט אימער דער סוף פון אַזאַ פערבינדונג.

די אונגלייכהייט פון די כאַראַקטערען מיינט ניט אונגלייכהייט אין געשמאַק, ליידענשאַפט און נייגונג. ניין, אויב צוויי מענשען זאָלען לעבען האַרמאָניש צוזאַמען, מוזען זיי דוקא זיין אַ ביסעל פערשיעדען איינס פון צווייטען. מאַן און פרוי, האָבען מיר שוין עטליכע מאָל בעטאָנט, ליעבען זיך אומזאָ מעהר, וואָס מעהר דער מאַן איז מאַן און די פרוי איז פרוי, דאָס הייסט, וואָס פערשיעדענער זיי זיינען איינס פון אַנדערען.

אָבער פערשיעדענהייט פון די כאַראַקטערען מיינט, ווען אַן אָקס און אַן אַראַבישעם פערד ווערען איינגעשפּאַנט אין דעם זעלבען וואָגען, ווען אַ הירש און אַ טשעערפּאַכע מוזען צוזאַמען געהן

אין וועג אַריין אָדער ווען אַ גאַנז און אַ שוואַלב מוזען צוזאַמען פליהען. אַזעלכע פערבינדונגען פּאַסירען אָדער גאָר ניט אָדער זעהר זעלטען, ווייל זיי זיינען געגען דער נאַטור, אָבער צווישען מענער און פרויען געפינט מען אַזעלכע געשפּאַנען זעהר, זעהר אָפט. ביי דער צוזאַמענשפּאַנונג פון אַ הירש מיט אַ טשערעפּאַכע, אַ פערד מיט אַן אָקס, אַ שוואַלב מיט אַ גאַנז האַנדעלט זיך עס בלויז וועגען דער פּראָבלעמע פון בעוועגען זיך. אָבער ביי אַ מאַן מיט אַ פרוי, וואָס מוזען צוזאַמען געהן דורכ'ן גאַנצען לעבען, האַנדעלט זיך עס ניט נור וועגען דער שנעלקייט פון יעדען צד, נור אויך וועגען דער לאַנגזאַמקייט, וועגען האַלטען די ריכטיגע מאָס אין געפיהלען, ליידענשאַפטען און געדאַנקען. צו שילדערן די יסורים פון צוויי מענשען מיט פערשיעדענע כאַראַקטערען, וואָס זיינען פעראורטיילט צו לעבען אַ גאַנץ לעבען צוזאַמען, קען איך ניט געבען קיין בעסערען פערגלייך ווי דעם פון אַ פיש און אַ פויגעל, וואָס זיינען פעראורטיילט צו שטעהן איינס נעבען דאָס אַנדערע אַ לאַנגע צייט. אויך דער דאָזיגער פערגלייך אילוסטרירט נאָך ניט דעם גאַנצען ביטערען אמת, ווייל אין פאַל פון פיש און פויגעל וועט ענטוועדער דער פיש אָדער פויגעל זיך לאַנג ניט מוטשען, נאָר זעהר באַלד אָוועקשטאַרבען. אָבער דער מאַן אָדער די פרוי שטאַרבט ניט אַזוי שנעל פון יסורים, נאָר זיי לעבען ווייטער, ווי לעבעדיגע מתים, און דאָס לעבען ברענגט זיי נור פוסט־קייט, שמערץ, חרטה און פערצווייפלונג.

ווען צוויי פערברעכער ווערען פעראורטיילט צו קערקער, ווערען זיי צוזאַמענגעשמידט מיט איין קייט, ניט פרעגענדיג זיי, צי זיי זיינען דערמיט צופרידען; אָבער דער געמיינזאַמער שמערץ, די גלייכע פערברעכער־נאַטור דערנעהנטערט זיי איינס צום צווייטען. אָבער אין פּריזאָן, אין וועלכען צוויי שלעכט־פערבונדענע מאַן און פרוי זיצען איינגעקערקערט, ווערען זיי צוזאַמענגעשמידט ניט בלויז מיט איין קייט; הונדערט, ניין טויזענד קייטען האַלטען זיי צוזאַמענגעשמידט, דורך טויזענדער נערווען זיינען זיי פערבונדען; פאַראַן אַ קייט פון האַרץ, אַ קייט פון געשמאַק, אַ קייט פון סימפּאַטיע, אַ קייט פון אַנטיפּאַטיע, קייטען פון געוואָהנהייט, פון וואונשען, פון קלאַגען. דורך די אַלע קייטען לויפען אין אַן

אונגליקליך פאַמיליען־לעבען שטראָמען פון האַס, ערביטערונג, נקמה און פערצווייפלונג. די לייכטסטע בעוועגונג פון איין צד טראָגט זיך דורך די קייטען אַריבער צום אַנדערען צד און רופט אַרויס אַן ענטגעגענגעזעצטע בעוועגונג. יעדע פיין פון איין צד געפינט אַן עכאָ אין צווייטען צד, און דוקא אַן עכאָ פון פרייד. און דאָס עכאָ פערדאָפּעלט, פערהונדערטפאַכט זיך, ביז אייער גאַנץ לעבען איז אַן איינציג שטיק שמערץ, ווי יעדער איינציגער נערוו וואָלט זיך פערוואַנדעלט אין אַ נערוועז־קראַמפּף און יעדער אבר פון אייער קערפּער וואָלט געווען אַ פוילער צאָהן וואָס טהוט וועה.

אַט דאָס רופט מען „אונערטרעגליכקייט פון די כאַראַקטער־רען", וועלכע דאָס געזעץ בעטראַכט אַלס אַ גענוג שטאַרקען גרונד פאַר בעווילליגען אַ שיידונג. אונערטרעגליכקייט צווישען אַ פּאָר פאָלק איז אַ פיעל שטאַרקערע אורזאַכע פאַר אַ גט ווי שלעכטע בעהאַנדלונג, אימפּאָטענץ אָדער אפילו זנות.

די דיסהאַרמאָניע פון די כאַראַקטערען פערבאָרגט זיך הינטער פערשיעדענע פאָרמען, אָבער אין גרונד גענומען איז עס אימער די זעלבע זאַך, נעמליך:

„וואָס ס'מאַכט מיר אַ פערגעניגען, געפעלט ניט דיר; וואָס ס'מאַכט דיך פרעהליך, פעראורזאַכט מיר שמערץ".

* * *

דאָס ווייב איז ווי די הערמאַלין־חיה, וואָס לאָזט זיך גיכער טויטשלאָגען, איידער צו לויפען איבער אַ פעלד פול שנעע, וועלכען די זון האָט פערוואַנדעלט אין בלאָטע.

דער מאַן אָבער איז ווי דער אַף שימפּאַנזע: ער האָט ליעב דעם שמוץ און וויל איהם ניט אָברייניגען. זיין קערפּער און זיין זעעלע ציהט זיך נור צו דעמיעניגען, וואָס איז אויך אַ ליעבהאָבער פון שמוץ.

ווי אַזוי זשע קענען אַזעלכע צוויי מענשען צוזאַמען לעבען?

* * *

אָדער ער איז אַן אָפּטימיסט אַזש ביז צום ציניזם, אַן עגאָ־איסט אַזש ביז צו זעלבסט־פערגעטערונג, און זיין פּאַראָל איז:
„נאָך מיר מעג קומען אפילו אַ מבול".

זי ווידער איז אַ פּעסימיסטין, ווייל איהר אידעאַל איז אַזוי הויך, אַז קיין מענשליכע האַנד קען עס ניט דערגרייכען. זי קען קיין שטונדע ניט לעבען אָהן ליעבע, אָהן אַ גוטע טהאַט, אָהן אַן אָפּפער פאַר אַנדערע.

ווי אַזוי קענען אַזעלכע צוויי קאָנטראַסטען אויסקומען איינס מיט'ן אַנדערען?

* * *

דאָס איבערנאַטירליכע האָט פאַר איהם קיין בעדייטונג ניט. ער גלייבט ניט ניט אין אַ גאָט און ניט אין אַ נשמה.

זי איז פון געבורט שוין אַ מיסטיקערין, איהר ערציהונג האָט זי געמאַכט גלויביג און אַבערגלויביש. זי האָט אַ נייגונג צו נזירות.

ווי קענען אַזעלכע צוויי בעשעפּענישען לעבען גליקליך אין איין הויז, אונטער איין דאַך, אין איין בעט?

* * *

ער איז אָפּענהערציג און בערײדעווודיג אַזש ביז צו טפשות, שטורמיש אַזש ביז צו רציחה, ער רעדט אַרויס זיינע געדאַנקען דירעקט און הויך, ער שילט און פלוכט; אַ שטונדע שפּעטער דענקט ער ניט מעהר פון געוויטער וואָס האָט זיך פון זיין ברוסט אַרויסגעגאָסען.

זי איז פערשלאָסען ווי מיט זיעבען חתימות, פרודליווע און מיסטרויאיש. בלויז דעם צעהנטעל טייל פון איהר געפיהל צייגט זי אַרויס און דערביי האָט זי נאָך מורא, צי איז זי ניט געגאַנגען צו וויים מיט איהר אָפּענהערציגקייט; זי איז עמפּפינדליך ווי די מימאָזע־רויז, וואָס ציהט זיך צוזאַמען, וו נור אַ זאַמד־קערענדעל, אַ האָהר אָדער אַ פעדערל ריהרען זי אָן. אין יעדער זאַך זעהט זי אַ בעליידיגונג, אַ מאַנגעל אין טאַקט, אין יעדער זאַך זעהט זי עפּעס שלעכטעס און אפילו אונטער די בעסטע זאַכען זוכט זי מיט אינקוויזיטאָרישע בליקען שלעכטע אַבזיכטען.

און אַזעלכע צוויי נאַטורען, ווילט איהר, זאָלען קענען פיה־רען אַ האַרמאָנישעס פאַמיליען־לעבען?

* * *

ער איז אַ מענשענפיינד אויס פוילקייט אָדער פעסימיזם, ער האַסט די געזעלשאַפט און אַנטלויפט פון איהר.

זי האָט ליעב אונטערהאַלטונג, פרעהליכע, קאָכעדיגע געזעלשאַפטען, טעאַטער, פּיקניקס, בעלער, ניט חלילה ווייל זי זוכט דאָרט אַ געלעגענהייט צו זינדיגען, נור פּשוט ווייל איהר נאַטור פיהלט זיך היימישער צווישען מענשען, ווייל זי האָט ליעב דאָס גערוישפולע, דאָס בעטויבענדע.

קענען אַזעלכע צוויי מענשען בילדען אַ גליקליך פּאָר פּאָלק?

* * *

ער איז דעמאָקראַט דורך געבורט, דורך אינסטינקט, דורך ערציהונג. ער האַסט יעדען צוואַנג, יעדע ענגשאַפט, פון אַן ענגען מלבוש ביז אַן ענגען געשלאָסענעם געזעלשאַפטס-קרייז, וואָס איז אָפען בלויז פאַר אַריסטאָקראַטען. ער איז אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט און וואָלט גערן געוואָרען אַן אַנאַרכיסט, ווען ער וואָלט די מענשען ניט אַזוי ליעב געהאַט.

זי שטאַמט פון אַן אָרימער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע און איז אונגעהייער שטאָלץ אויף איהר פאַמיליען־יחוס. ווען אַי־מיצער רופט זי, אוים העפליכקייט, גרעפין, קלאַפּט איהר האַרץ פון גאָלע פרייד. זי האָט די גרעסטע האָכאַכטונג פאַר יעדע אויטאָריטעט, פאַר יעדען הערשער. זי פערנייגט זיך טיעף פאַר יעדען פריעסטער, פאַר יעדען אָפיציער, פאַר יעדען מיליאָנער.

קענען אַזעלכע צוויי געהן אָרעם אין אָרעם דורכ'ן גאַנצען לאַנגען לעבען?

* * *

ער איז אַ קמצן, אָבער ער וויל עס ניט מודה זיין. ער בע־האַלט זיין פערמעגען און קלאָגט שטענדיג איבער זיין אָרימקייט. יעדען סענט קוקט ער צעהנמאָל אָן איידער ער גיט איהם אוועק. זיין אויג קוקט מיט פערדאַכט און ערגערניש אויף יעדע שוועבעלע, וואָס ווערט צוועקלאָז אָנגעצונדען, אויף יעדעם שטיקעל סיגאַרעט, וואָס ווערט אוועקגעוואָרפען, אויף יעדען ברעקעל ברויט וואָס ווערט אַריינגעוואָרפען אין מיסט־עמער. ער יאָמערט איבער די צו גרויסע הוצאות, איבער די צו גרויסע שטייערען, איבער זיינע צו קליינע איינגאַהמען. ער פילט אָן די לופט אַרום זיך מיט שלעכטע, פוילע, עקעלהאַפטיגע גערוכען פון קאַרגקייט און ענג־הערציגקייט.

זי איז פריינעביג, גאַסטפריינדליך, פילאַנטראָפיש. זי וואָלט וועלען אליין זיין גליקליך און אַנדערע גליקליך מאַכען. דאָס וואָרט „א שעהנעם דאַנק" קלינגט אין איהר אויער ווי טייערע מו־זיק. זי קען ניט פערשטעהן, ווי אזוי איינער קען זיך שוין היינט זאָרגען וועגען מאָרגען. פערקעהרט, די אונזיכערקייט פון דער צוקונפט איז פאר איהר א קוואַל פון גענוס. זי גלויבט אַן גליק, אַן א גוטען טאַטע אין הימעל, וואָס פערלאָזט קיינעם ניט, אַן א צוקונפט וואָס וועט זיכער זיין בעסער ווי די געגענוואַרט.

און אַזעלכע צוויי פערבינדען זיך אָפט אלס מאַן און פרוי!

* * *

ער געפינט זיך אימער אין א צושטאַנד פון אויפגערעגטהייט אָדער פון נידערגעשלאָגענקייט. יעדען דערצעהלט ער אַז ער איז דער אונגליקליכסטער מענש אויף גאָט'ס ערד און קען זיך שוין פאר קיין זאַך מעהר ניט בעגייסטערען. און דערביי איז ער איי־ביג בעגייסטערט, בערוישט, פון פרייד אָדער פון צער.

זי דאַגעגען איז אימער קיהל און שמייכעלט איבער יעדע פאָרם פון בעגייסטערונג, וועלכע זי האַלט פאר א מין משוגעת. זי האַסט פאָעזיע, פסיכישע שכרות, און יעדע ליידענשאַפט וואָס איז הייסער ווי צעהן גראַד; העלדענטום, אָפּפערמוטה און מארטי־רערטום ווערען פון איהר פערשפּאָטעט אלס ראָמאַנטיש און טעאַט־ראַליש.

קענען אַזעלכע צוויי גוט אויסקומען איינס מיט'ן צווייטען?

* * *

דיזע עטליכעביישפּיעלען, אַרויסגענומען פון טעאַטער פון דער ווירקליכער וועלט, זיינען גענוג, צו געבען אייך א בעגריף פון די פיעלע כאַראַקטער־דיסהאַרמאָניען וואָס קומען פאָר אין אַזוי פיעל פאַמיליען.

געוויס זיינען די דיסהאַרמאָניען ניט אימער אַזוי בולט און דייטליך ווי אין די אויסגערעכענטע ביישפּיעלען, אָבער ניט זעלטען זיינען זיי נאָך פערוויקעלטער, נאָך קאָמפּליצירטער. דער פאַלשער קלאַנג קומט אָפט ניט בלויז פון איין סטרונע פון פאַמיליען־פידעל, נור פון אַלע סטרונעס אין דער זעלבער צייט.

וואָס, אַלזאָ, האָבען מיר צו טהאָן, אום צו שיצען זיך געגען די געפאהר פון „אונערטרעגליכקייט צווישען די כאראַקטערען“?

איין זאַך: מיר מוזען דעם כאראַקטער פון דעריעניגער פרוי, וועלכע מיר ווילען מאַכען פאר אונזער לעבענסבעגלייטערין, שטודירען, שטודירען און ווידער שטודירען.

ערשט ווען מיר זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז זי איז נאָך פיעל, פיעל בעסער, ווי זי צייגט זיך פאר אונז אין דער ווירקליכקייט, ערשט דאַן מוזען מיר זי אום יעדען פרייז זעהן אין בלויזען העמד, אָדער נאָך בעסער אין גאַנצען נאַקעט. איך מיין דאָס נאַטירליך נור סימבאָליש. איך וויל, אַז מען זאָל די געליעבטע בעטראַכטען און שטודירען, ווי זי איז ענטקליידעט פון יעדער קאָקעטעריע, פון יעדער קינסטלערישער פערשעהנערונג.

אָנהויבען זאָל מען דערמיט, וואָס מען זאָל שטודירען איהר טעגליכע אומגעבונג. איידער מען שטודירט די געליעבטע אַליין, זאָל מען פריהער גוט בעטראַכטען איהרע עלטערען, ווייל די געליעבטע איז אַ צווייג פון דיזע צוויי פלאַנצען, און אַ גרויסער טייל פון די כאראַקטערשטריכען פון די קינדער געפינט מען ביי די עלטערן.

נאָר זעלטען האָט אַ לייכטזיניגע, פרעכע מוטער צנועה׳דיגע קינדער. אין אַ פאַמיליע פון פערברעכער בליהט זעלטען אַן אונשולדיגע ליליע. מען געפינט אמאָל לייכטזיניגע זיהן ביי ביידיגע עלטערען און פערקעהרט, פרומע קינדער ביי גאָטלאָזע פאַמיליען און אפיקורסישע קינדער ביי פרומע עלטערען. אָבער ס׳איז אַ זעלטענהייט אַז די מדות פון די עלטערען זאָלען אין די קינדער פערוואַנדעלט ווערען אין דאָס געגענטייל. אונטערזוכט אַלזאָ די מאָראַלישע מדות פון אייער מיידעל, איהרע לעקטורע, איהרע פערגעניגענס און הויפטזעכליך די מאָראַלישע סביבה, אין וועלכער אייער מיידעל איז געבאָרען און אויפגעוואַקסען. ערקונדיגט זיך וועגען איהר כאראַקטער ביי איהרע חבר׳טעס. ניט איינמאָל וועט איהר אין אורטייל פון אַ חבר׳טע זעהן די נשמה פון אַ מיידעל ווי אין אַ שפּיעגעל.

איך קען אַ פרוי אַ מלאך. זי האָט אַ סך חבר׳טעס, וואָס האָבען זי אַזוי ליעב, אַז זיי זיינען אַזש אייפערזיכטיג איינס אויף

דאָס אנדערע. איהרע חבר'טעס זיינען לויטער גייסטיג פאַרנעהמע דאמען פון פיינע פאמיליען, אויף דאָס בעסטע ערצויגען און אויפ־געוואקסען אין אַ מאָראַליש ריינער סביבה. שוין צוליעב אַזעלכע חבר'טעס האָב איך יענע פרוי, נאָך איידער איך האָב זי פערזענ־ליך געקענט, געהאַלטען פאַר אַ מלאך. און איך האָב ניט געמאַכט קיין טעות.

נאָכדעם ווי די פסיכאָלאָגישע אונטערזוכונג פון די עלטערן און די פריינדינס איז פארטיג, איז נויטיג ארונטערצושטייגען אין עטוואָס טיעפערע ספערען. זוכט אַ געלעגענהייט אַ רעד צו טהאָן מיט'ן דיענסטמיידעל, מיט דער קעכין, מיט דער שניידערין, בקיצור מיט יעדען איינעם, וואָס שטעהט אין וועלכער עס איז בעציהונג צו אייער כלה.

קיינער קען אונז ניט אַזוי גוט ווי אונזער דיענער אָדער דיענסט, ווייל פאַר זיי ברויכען מיר ניט צו הייכלען און צו מאַס־קירען זיך. און כאָטש פון אַ דיענסטמיידעל קענען מיר ניט ער־ווארטען אַ ריכטיגען פסיכאָלאָגישען אַנאַליז פון אונזער געליעב־טער, אָבער געוויסע אינטימע סודות וועגען איהר כאראקטער קע־נען מיר דורך איהר יאָ ערפאַהרען.

גוטע, נאָבעלע עדעלע נאַטורען וועלען קיינמאָל ניט בעהאַנד־לען זייערע דיענסטען ברוטאַל, ווייל זיי פיהלען מיטלייד מיט אַ מענשען, וואָס מוז ארבייטען און זיך ערנידריגען פאַר אנדערע.

אָבער קיינמאָל טאָר מען ניט האָבען קיין צוטרויען צו אַ כאראקטער פון אַ פרוי, וואָס בעהאַנדעלט שלעכט איהרע דיענס־טען און בייט זיי אַלע מאָנטאַג און דאָנערשטאַג. אַזעלכע פרויען זיינען שלימע נאַטורען מיט בייזע אינסטינקטען, וואָס ניט קענענ־דיג אויסלאָזען זייער גאַל אויף העכערע פון זיך, לאָזען זיי איהר אוים אויף מענשען וואָס זיינען פון זיי אבהענגיג און קענען דער־פאַר ניט אָבענטפערען. יעדע ענטווישונג, יעדע שטילע אייפער־זוכט, יעדע בייזע לוינע, יעדע ערגערניס, וואָס אַזאַ פרוי דער־לעבט, לאָזט זי אוים אויפ'ן קאָפּ פון איהר דיענסט, איהר שניי־דערין אָדער איהר הויז־קיפּער.

זיינען אַזעלכע פרויען, אחוץ דעם נאָך דעספּאָטישע נאַטור־

רען, דאַן בעפרידיגען זיי זייערע ברוטאַלע אינסטינקטען אויף די פלייצעס פון די אָרימע בעשעפענישען, וועלכע זיי צאָהלען אזוי פיעל און אזוי פיעל אַ מאָנאַט און בעטראַכטען זיי דערפאַר פאַר זייערע שקלאַפען. איך קען דאַמען פון דער העכסטער געזעלשאַפט, וואָס שלאָגען זייערע קאַמער־מיידלעך.

* * *

איך ווינש אייך, אַז נאָכדעם ווי איהר זייט פאַרטיג מיט אונ־טערזוכען אייער בעשערטער'ס כאַראַקטער, איהרע עלטערען און איהרע בעציהונגען צו אָבהענגיגע מענשען, זאָלט איהר מיט איהר הייראַטען און אין דער חתונה געפינען אויף אייביג יענעם זיסע, שעהנע גליק, וועלכעס מען רופט: דאָס גליק צווישען צוויי.

אָבער דאָס דאָזיגע גליק איז זעהר זעלטען. אין די מעהרסטע פעלע געפינען מיר ניט דוקא קיין דיסהאַרמאָניע, אָבער אויך ניט קיין פאָלשטענדיגע האַרמאָניע, פון וועלכער עס קען זיך אָבער, מיט צייט, געדולד און גוטען ווילען, זיך ענטוויקלען אַ פאָלשטענ־דיגעס האַרמאָנישעס פאַמיליען־גליק.

ווען די ליעבע איז גענוג גרויס און טיעף, ווען די געליעבטע האָט פונקט אזוי גליהענד ליעב איהר געליעבטען, ווי ער האָט זי ליעב, דאַן וועט אַ חתונה צווישען אזאַ פּאָרעל ענדליך מוזען פיה־רען צו פאָלקאָמענעם גליק, אַלע בערג וועלען פלאַך ווערען, אַלע שטיינער וועלען צוהאַקט ווערען, אַלע דערנער וועלען פערלירען זייערע נאָדלען, ווייל די ליעבע איז און בלייבט די געשיקטעסטע צויבערין, וואָס קען גאַל אין האָניג פערוואַנדלען. אין דער דאָ־זיגער וואונדערבאַרער צויבער־אַרבייט איז די פרוי אַ גרויסע מייס־טערין, אפילו ווען אַ מאַן איז דער עגאָאיסט, דער געמיינסטער לומפּ אויף גאָט'ס ערד, קען איהם אַ קלוגע ליעבענדע פרוי אין אַ קורצער צייט אזוי איבערמאַכען, אַז זי זאָל איהם קענען וויקלען אַרום פינגער.

אָבער די מאַכט פון אַ פרוי טאָר ניט זיין אזוי, אַז זי זאָל איהר מאַן פערוואַנדלען אין איהר שקלאַף. אַ ליעבע וואָס הערשט אנשטאַט צו פערבינדען, וואָס דעספּאָטעוועט אנשטאָט צו גלעטען און צו קושען, קען ניט אייביג געדויערען. האַרמאָניע קען נאָר ענטשטעהן פון אָבשלייפען די קאַנטען, אויסגלעטען די קנייט־

שען, אָבהאַקען די שאַרפע זייטען און שפּיצען, אַזוי אַז איינס זאָל זיך ריכטיג צופּאַסען און אריינפּאַסען אין דאָס אנדערע.

דאָס גליק איז אַ פּרוכט, וואָס פערלאַנגט געדולד, ליעבע און פערטרויען. מיר מענער זיינען די סאָסנע, די פרוי איז דער וויינשטאָק וואָס שמיגט זיך צו צו אונז און דערהויבט זיך דורך אונז. זי נעהמט אונז אַרום מיט די צווייגען פון ליעבע און פערבינדט זיך מיט אונז ענג, אייניג.

הייראַט דעריבער אַ גוטע, עהרליכע נשמה, וואָס ליעבט אייך ניט צוליעב אייער טיטעל אָדער אייערע דאָלער, נאָר צוליעב אייך אליין, צוליעב אייער שעהנקייט, אייער שטאָלץ, אייער מענשליכקייט, אייער גוטען נאָמען.

אין אַזאַ פאַל וועלען די קליינע אונטערשיידען אין אייערע כאַראַקטערע זיך שוין מיט דער צייט אויסגלייכען און פערשווינדען. פערטראָגט מיט געדולד די קליינע חסרונות פון אייער געליעבטער, בעסערט אויס מיט ליעבע די קליינע שוואַכקייטען פון אייער געליעבטען, און אייער הייראַט וועט זיין אַ גרויסער געווינס, אַנשטאָט אַ מיאוסער טעות.



# די האַרמאָניע אין די געדאַנקען.

זאָלען מיר הייראטען א דומע, אַן אינטעליגענטע אָדער א געלעהרנטע פרוי?

ווען מען זאָל דיזע פראַגען איבערגעבען צו א פאָלקס־אַבשטימונג, וואָלטען מיר ערהאַלטען אַזעלכע רעזולטאַטען:

פון יעדען הונדערט הייראַטס־לוסטיגע מענער, וואָל־טען זיך ערקלערט

| | |
|---|---|
| פאַר א דומער פרוי — — — — — — — — | 10 מענער. |
| פאַר א געלעהרנטע פרוי — — — — — — — | 0 " |
| פאַר אַן אינטעליגענטער פרוי (האָס הייסט א פרוי מיט נאָרמאַלער בילדונג) — — — | 90 " |

אין איצטיגען יאָהרהונדערט אַלזאָ, אין וועלכען די מעהר־הייט פון די מענשען דענקט און האַנדעלט לויט רעכט און פער־נונפט, וואָלט די דערמאָהנטע פראָבלעמע זעהר לייכט געקענט גע־לייזט ווערען דורך א פאָלקס־אַבשטימונג.

די דאָזיגע פראָבלעם־לייזונג מוז אָבער אין יעדען איינצעלנען פאַל סעפּאַראַט בעהאַנדעלט, אַנאַליזירט און פערפאָלשטענדיגט ווערען.

צום ביישפּיעל: יענע צעהן מענער פון הונדערט, וואָס ציהען פאַר א דומע פרוי, מוזען גלייך אונטערשטרייכען, אַז אונטער דום מיינען זיי ניט אידיאָטיש, נאָר א פרוי מיט א בעגרענעצטען גע־זיכטסקרייז, וואָס מעג זיין אפילו אַביסעל דום, אָבער ניט צו פיעל, אין דערזעלבער צייט אָבער מוז זי זיין יונג, שעהן און אימער אין גוטער לוינע. אַזעלכע מענער פערלאַנגען א לעבענס בעגלייטערין, וואָס זאָל זיי שענקען געזונטע קינדער און זייער היים אָנפילען מיט זאָרגלאָזיגקייט און פרעהליכקייט. ניטאָ קיין שעהנערס, ליעבערס, אַנגענעהמערס, ווי א נאַרישקייט, וואָס קומט פון א שעהנעם,

פרישען פרויען־מיילכעל. איהר נאַרישקייט מאַכט אונז צום לאַכען, אונזער לאַכען, ווידער, מאַכט צום לאַכען דאָס שעהנע נאַרישע מיילכעל און צייגט אונז אַ רונד שעהנע, ווייסע צייהנדלעך ווי פערל. געבענשט זאָל זיין אַזאַ מיילכעל וואָס רעדט אַזעלכע זיסע נאַרישקייטען!

די ניינציג מענער פון יעדען הונדערט, וואָס זיינען געגען אַ געלערנטע פרוי, האַלטען דוקא יאָ פון גייסטיגע בילדונג ביי פרויען, אָבער זיי האַסען די „ביכער ווערים“, די פעדאַנטיש איבער־געביל־דעטע, די מענער׳שע ווייבער מיט די געשוואָלענע געהירענס.

אַ פערבינדונג צווישען אַ מאַן און אַ פרוי קען נאָר דאַן זיין פאָלקאָם גליקליך, ווען אויך צווישען זייערע געדאַנקען עקזיסטירט אַ האַרמאָניע. און ווייל דער מאַן איז פון דער נאַטור בעשאָנקען מיט מעהר שאַרפזין און אורטיילס־פעהיגקייט ווי די פרוי, איז דעריבער קען אַ חתונה נאָר דאַן זיין גליקליך, וואו דעם מאַן׳ס געדאַנקען זיינען פאַר דער פרוי ענטשיידענד און זי איז מרוצה צו בעטראַכטען איהם אַלס איהר גייסטיגען פיהרער אויפ׳ן וועג פון לעבען.

דער ענטגעגענגעזעצטער פאַל, ווען די פרוי נעהמט זיך דאָס רעכט צו זיין דער פיהרער פון מאַן, איז אַן אָראָפּבלאָנזשען פון ריכטיגען וועג, אַ לעבענס־טעות, וואָס מוז פיהרען צו אונגליק, ווייל ס׳איז אַן ערנידעריגונג ניט נור פיר׳ן מאַן, נאָר אויך פאַר דער פרוי: ניין און ניינציג פרויען פון הונדערט ווילען זיין גע־ליעבט, געשמייכעלט און פערגעטערט, אָבער אויך בעהערשט.

אַז אָך און וועה צו דער פרוי, וואָס שטעהט גייסטיג העכער פון איהר מאַן, וואָס מוז איהם שטענדיג ענטשולדיגען חסרונות, וואָס זי זעהט אין איהם, פערדעקען שוואַכקייטען, וואָס זי שפירט ביי איהם אויס און צומאַכען מיט אַן אויג ביי יעדער געלעגענהייט, וואָס זי בעטראַכט איהם! אַזאַ פרוי איז אונגליקליך און מאַכט אונגליקליך.

ליעבע איז אַן אָנציהונגס־קראַפט. איהר קראַפט איז אומזאָ שטאַרקער, וואָס פערשיעדענער די צדדים זיינען, וועלכע זי ציהט איינס צו דאָס אַנדערע. דאָס אידעאַל פון אַ פאָלקאָמענע חתונה מוז זיין אַזוי צוזאַמענגעשטעלט: אַ מאַן, וואָס איז דורך און דורך

מאַן און אַ פרוי וואָס איז דורך און דורך פרוי. ווי באַלד דער מאַן האָט אין זיך עטוואָס ווייבערישעס און די פרוי עטוואָס מענערשעס, פערלירט די אָנציהונגס־קראַפט פון דער ליעבע אַ גרויסען טייל פון איהר שטאַרקייט, די פערבינדונג ווערט לויז און זי ווערט צוריסען ענטוועדער ביים לייכטסטען שטויס, וואָס זי קריגט, אָדער ביי דער ערשטער בעריהרונג מיט אַ ד ר י ט ע ן קערפער, וואָס איבט אויס אויף איינעם פון די צוויי קערפערס אַ ש ט אַ ר ק ע ר ע אָנציהונגס־קראַפט, ווי דער קערפער מיט וועלכען ער איז פערבונדען.

אַ הויך־געבילדעטע דאַמע און אַ מאַן מיט נאָך וועניגער ווי מיטעלמעסיגער אינטעליגענץ, בילדען צוזאַמען אַ פערבינדונג פון צוויי קערפער, צווישען וועלכע עס עקזיסטירט נור אַ גאַנץ שוואַכע אָנציהונגס־קראַפט. ווייל אין דיזען פאַל האָט די פרוי אַ מענערשען קאָפּ און דער מאַן אַ ווייבערשען. מישט זיך אין אַזאַ פערבינדונג פלוצלונג אַריין אַ דריטער קערפער, אַ זשעניע אָדער אַ ברוטאַלער, ראַבוסטער מאַן, איבט ער זאָפאָרט אויס זיין אָנציהונגס־קראַפט אויף די מענערישע, ניט בעפרידיגטע פרוי: ענטוועדער ער בעהערשט זי מיט זיין שטאַרקערען גייסט, אָדער ער בעפרידיגט זי מיט זיין מענליכער קראַפט. און איהר געזעצליכער מאַן מיט'ן קליינליכען מוח'ל, ווידער, געפינט טרייסט אין דער ליעבע פון אַ פּראָסטער פויערטע אָדער פון זיין דיענסט, דאָס הייסט פון פרויען, וואָס שטעהען גייסטיג ניט העכער פון איהם אליין.

די בילדונג פון דער פרוי זאָל אימער זיין עטליכע גראַם ניעדעריגער ווי די בילדונג פון מאַן, ניט בלויז דערפאַר, כדי דער מאַן זאָל אין דער פאַמיליע בעטראַכט און געשעצט ווערען אַלס דאָס גייסטיגע אויבערהויפּט, נאָר אויך דערפאַר, ווייל דער פרוי'ס געהירן איז שוואַכער ווי דעם מאַנ'ס, און וואו זי שטרענגט עס צו פיעל אָן, איז עס אין געפאַהר צו ווערען ניט־נאָרמאַל, קראַנק און דעקאַדענטיש.

דער מאַן איז שוין אַזוי צוגעוועהנט צו שטעהן גייסטיג העכער פון דער פרוי, אז אַן אָרטאָגראַפישער פעהלער אין זיין געליעבטער'ס בריעף מאַכט איהם העכסט גליקליך, ווייל ער שמייר־

בעלט זיין מענליכען שטאָלץ און בעשטעטיגט זיין גייסטיגע העד־בערשטעהונג פון דער פרוי. דער טעות אין אונזער געליעבטער׳ס בריעף דעקט פאר אונז אויף אונזער געליעבטער׳ס עכט ווייבליכע שוואכקייט, אונזער מיידעל׳ס פרויען־נאטור. אן אָרטאָגראַפישער אָדער גראַמאטיקאַלישער פעהלער אין א פרוי׳ס בריעף, איז ווי א קליין, דרייסט פרויען־פיסעל, וואָס בעווייזט זיך פלוצלונג פון אונטער איהר שפּיצען־בעשטיקטען קלייד און וואָס דערצעהלט אונז געהיימע סודות פון זיסע געגוסען, פון שטילע תאוות — א פיסעל, וואָס שיינט מיט יעדען איינעם פון זיינע פינף פינגער צו אונז צו זאָגען: „קום! אָט דאָ איז חוה! חוה ווארט מיט אונגעדולד אויף איהר אדם!"

* * *

די האַרמאָניע אין געדאַנקענגאַנג פוןביידע געשלעכטער מוז זיין צוזאַמענגעזעצט פון פ ע ר ש י ע ד ע נ ע טענער, אי דאָס אַזוי, אז דער מענליכער טאָן זאָל קלינגען עטוואָס העכער פון ווייבליכען, אָבער ער זאָל איהם ניט אריבערשרייען אָדער גאָר פער־טויבען. אם בעסטען איז, ווען ביידע טענער קלינגען גלייך שטארק און אין דעם זעלבען טעמפּאָ.

א וויסענשאַפטסמאַן און א קינסטלערין קענען בילדען די שעהנסטע האַרמאָניע פון צוויי פערשיעדענע קלאַנגען; פונקט אַזוי ווי א גרויסער נאַטורפאָרשער און א גרויסע מוזיק־ליעבהאָבערין, א טיעפזיניגער פּסיכאָלאָג און א געבילדעטע סאַטיריקערין.

די געדאַנקען פון א מאַן און א פרוי זיינען, א חוץ זייער פער־שיעדענע אויסגעהאַלטענקייט און לאָגישקייט, אויך פערשיעדען דורך זייער געשלעכטליכען כאַראַקטער.

דער מאַן ערפינדעט, ענטדעקט, שאַפט; די פרוי דערראַטה, אונטערשיידעט, אָרדענט.

דער מאַן זעעט און שניידט, די פרוי בינדט צונויף די זאַנגען אין סנאָפּעס.

דער מאַן אין זיין ליידענשאַפטליכער ארבייט הויבט אויף צו פיעל זאַנגען און געהענדיג פערלירט ער זיי ווידער. די פרוי שטעהט הינטער איהם און קלייבט דאָס פערלאָרענע ווידער צו־זאַמען.

דער מאן, אורטיילענדיג וועגען דער סביבה, צייגט געוועהנ־ליך זעהר ווייניג טאקט און אפט גיט ער א פאטש, מיינענדיג אז ער האט געגעבען א קוש. די פרוי פיהלט, ווי א גאלוואנאמעטער, יעדען עלעקטרישען און מאגנעטישען ציטער אין דער לופט ארום אונז, און דערפאר איז זי דאס טייערסטע טאקטישע אינסטרומענט פאר פאליטיקער, שריפטשטעלער און קינסטלער, וואס זוכען אימער נייע וועגען און וואס זיינען דעריבער אין שטענדיגער געפאהר צו ווערען שלעכט פערשטאנען פון זייערע מיטמענשען.

צו בעדויערען איז דעריעניגער, וואס בעראטה זיך ניט פריהער מיט א געליעבטער פרוי, איידער ער מאכט פארטיג א נייע בוך, א נייע בילד, א נייעם פאליטישען פלאן. פונקט ווי א שיף קאפיטאן קען ניט פערלאזען דעם זיכערען האפען, איידער ער פרעגט ניט זיין באראמעטער, פונקט אזוי זאל א מאן ניט אנהויבען קיין שום וויכטיגע ארבייט, איידער ער בעראטה זיך ניט מיט זיין ליעבעס־באראמעטער, מיט זיין פרוי אדער פריינדין. אונצעהליגע עקזיסטענצען זיינען צו־גרונד געגאנגען נאר דערפאר, ווייל זיי זיינען ארויסגעפאהרען אויפ'ן שטורמישען לעבענס־ים, ניט אנ־פרעגענדיג פריהער ביי זייער געטרייען באראמעטער.

איהר קענט זיין דער געניאלסטער מאן אין דער וועלט און אייער ווערק קען זיין די פרוכט פון לאנגען טיעפען דענקען, חשבונ'ען און קאלקולירען, און דאך קענט איהר ניט זיין זיכער, אויב אין דעם ווערק פעהלט ניט עפעס א שרייפעל, א שפראנ־זשינע, וועלכע איהר האט פערגעסען. צייגט אלזא אייער ווערק אייער געליעבטער, איידער איהר שיקט עס ארויס אין די עפענט־ליכקייט: אויב עס פעהלט דארט עפעס, וועט ז י עס זיכער ענטדעקען, ווייל זי איז א פרוי, און אלס א פרוי בעמערקט זי הונדערט ק ל י י נ ע זאכען, וועלכע דער מאן זעהט נ י ט, ווייל זיין אויג זוכט נאר דאס ג ר ו י ס ע. אייער פרוי'ס ליעבע איז א פערגרעסערונגס־גלאז, דורך וועלכען זי בעמערקט די קלענס־טע, אונזיכטבארסטע זאכען, וואס זיינען פאר אייך, איהר געליעב־טען, ניצליך אדער שעדליך.

* * *

עס פאסירט ניט זעלטען, אז מיר זאלען א פרוי אויפהערען

ליעבען, ווייל איהרע געדאנקען געהן ניט אימער דעמזעלבען וועג ווי אונזערע. דער פרוי׳ס געדאנקען קענען ניט און טאָרען ניט קלעטערען אזוי הויך אויפ׳ן בארג פון וויסענשאפט, ווי דעם מאנ׳ס.

אין אונזער פרוי מוזען מיר אלע זוכען:

א בעשיידענע בילדונג.

אן אויסגעשפראָכענעם געשמאק פאר שעהנקייט.

א פיינעם חוש פאר בעמערקען און בעאָבאכטען.

א גרויסע מאָס טאקט.

א פערשטעהן פון מענשליכע כאראקטערען.

אויב איהר געפינט די אלע מעלות פעראייניגט אין איין פרוי, און אויב דיזע פרוי איז דערצו נאָך שעהן און גוט, דאן מעגט איהר זיך שעצען פאר׳ן גליקליכסטען מענשען אויף דער ערד און ער־קלערען פאר דער גאנצער וועלט, אז איהר האָט געהייראט ניט מיט איין פרוי, נור מיט דריי פרויען: איהר האָט געהייראט מיט די חושים, מיט׳ן הארץ און מיט די געדאנקען.

# די געלד־פראַגע אין דער חתונה.

איידער די פייגעל דענקען פון גרינדען א פאַמיליע, בויען זיי א נעסט, וואָס זאָל זייערע קינדער אין זיך אויפנעהמען און זיי שיצען געגען קעלט און ווינטער. פיעלע מענער זיינען ניט אזוי פאַרזיכטיג ווי די פייגעל: זיי הייראטען, ניט וויסענדיג, וואו און ווי זיי וועלען די קינדער פון זייער ליעבע בעהאַלטען און בעשיצען. די לופט, די ערד, די וועלט גיבען דער פויגעל א פרייע קאָסט קווארטיר. דער מענש קריגט זיינע לעבענסמיטלען פון בעקער, פון קצב און פון הויז־בעזיצער; ליידער אָבער האָבען דיזע לופעראנטען די שוואכקייט צו הייסען זיך פאַר אלץ וואָס זיי ליפערען, בעצאָהלען.

דער קראַנקער פונקט אין אלע געזעלשאַפטס־קלאַסען איז דאָס, וואָס אין זייערע חתונות פעהלט אָפט די עקאָנאָמישע פאַרזיכט. בעזאָנדערס אין דער ארבייטער־קלאַס זאָגט מען זיך ניט פיעל פאַר עקאָנאָמישער זיכערהייט, ווייל דורך זיין אייביגען שווערען בייזען־קאמפף איז דער דורכשניטליכער ארבייטער געוואָרען א פאַטאַליסט, וואָס זאָרגט זיך בלויז פאַר'ן היינט, און נור זעלטען פאַר'ן מאָרגען און נאָך זעלטענער פאַר דער וייטער צוקונפט.

דער פאַטאַליזם האָט א סך פאָרמען, אָבער אין יעדער פאָרם איז ער אן ענטמאַנונג פון דעם פערזענליכען איך. יאָ, ער איז נאָך א פיעל ערגערע פערקריפּלונג, ווייל ער לעהמט די ווילענס־נערוועז און הייסט אונז פערציכטען אויף יעדעם בעסערע שטרעבען, וואָס וואָהנט אין יעדער מענשליכער ברוסט. פאַר איינצעלנע אינדיווידוען איז דער פאַטאַליזם אן ענטמאַנונג, א פערקריפּלונג, פאַר א גאַנץ פאָלק בעטייט ער פשוט זעלבסטמאָרד. דאָס טערקישע רייך,

די היים פון פּאַטאַליזם, איז אַ גוט ביישפּיעל צו וואָס פּאַטאַליזם מוז פיהרען.

אויך אין מיין ברוסט קלאַפּט אַ מענשליך האַרץ. אויך איך האַלט פון געבען נדבות צו עלענדע מענשען, וואָס האָבען זייער שיף פערלוירען אויפ'ן שטורמישען ים פון לעבען. אָבער אַלעמאָל יוען עס קומט צו מיר צו אַן אָרימער הונגעריגער און בעט ביי מיר אַ נדבה, זאָגענדיג: „איך האָב זעקס קליינע קינדער אין דער היים", בעפאַלט מיך אַ שמערצליכער צאָרן און ניט ווילענדיג רוף איך אויס: „צו וואָס האָסטו זיי געבראַכט אויף דער וועלט?"

מיין אויסרוף איז ניט קיין בעליידיגונג געגען אָרימקייט און ניט קיין בעליידיגונג געגען גאָט. ער איז די שפּראַך פון דער מענשליכער פערנונפט. ווען אין די הייזקעס פון די אָרימעלייט וואָלט געוואוינט די פערנונפט פונקט ווי עס וואָהנט דאָרט די נאַרישקייט, וואָלט די סאָציאַלע פראַגע זעהר שנעל געלייזט געוואָרען. איך בין אַן איבערצייגטער מאַלטוזיאַנער*) און אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבען, וועל איך אימער זאָגען צו די אָרימעלייט:

„ליעבט וויפיעל איהר ווילט אליין, אָבער היט זיך פון האָבען פיעל קינדער!"

אומזיסט קעמפּפען גלחים און מאָראַליסטען געגען מאַלטוזיאַניזם, וואָס איז אין דער לעצטער צייט געוואָרען אַ סאָציאַלע אינסטיטוציע אין דער פאַמיליען־עקאָנאָמיע פון פראַנקרייך, איטאַליען, דייטשלאַנד און אפילו אין פרומען ענגלאַנד.

אָבער איך געהער דאָך ניט צו יענע פערברענטע מאַלטוס־אַנהענגער, וואָס גלויבען פאַנאַטיש, אַז דורך די פערקלענערונג פון ־ער געבורטען־צאָהל קען די גאַנצע סאָציאַלע פראַגע זאָפאָרט געלייזט ווערען. די מאַלטוס־טעאָריע אליין איז נאָך ניט גענוג צו פערענטפערען אַזאַ אַלטע אַנגעוועהטאָגטע פראַגע. אָבער זי רייניגט אויס דעם סאָציאַלען באָדען פון איינע פון די שטענדיגסטע

*) דער בעריהמטער ענגלישער נאַציאָנאַל־עקאָנאָם ראָבערט מאַלטוס (געבוירען אין יאָהר 1766, געשטאָרבען 1834) האָט נאָכגעוויזען, אַז די מענשהייט וואָלט געווען פיעל גליקליכער, ווען מען זאָל איהר קענען צווינגען צו האָבען ווייניגער קינדער. — דער פערפאַסער.

דערנער־פלאנצען וואס פערשפארען דעם זועג צום מענשליכען גליק. עס איז גענוג צו פערגלייכען די פראלעטאריער פון די אייראפעאי־שע גרויסע שטעדט מיט די ארבייטער פון סאוט־אמעריקא, כדי צו איבערצייגען זיך, אז די צו שטארקע פרוכטבארקייט צווישען די ארימעלייט איז די מוטער פון הונגער, קראנקהייט און טויט.

דעריענינער וואס איז נאך ניט קיין אנהענגער פון מאלטוס׳עס טעאריע, זאל וועניגסטענס, אזוי לאנג ווי ער האט נאך ניט גענוג שטרוי אויף צו בויען א פאמיליען־נעסט, ניט איילען זיך מיט חתונה האבען און ניט פערגרעסערען די צאהל פון די הונגעריגע און פון די פערברעכער, די פרוכט פון הונגער, פערנאכלעסיגונג און עלענד.

* * *

איך וויים גאנץ גוט, אז די פערהאסטעסטע און אנטיפאטיש־סטע חתונה־פראבלעמע איז עקאנאמיע. אבער דורך צומאכען די אויגען און דורך ניט־דענקען דערפון ווערט די פראבלעמע ניט גע־לייזט.

מען ליעבט און מען ווערט געליעבט. מען פיהלט זיין לעבען זיך פערטאפלען, מען זעהט דעם האריזאנט פון דער צוקונפט שטראהלענדיג אין גאלדענע פארבען. מען טרינקט פון די אויגען פון דעם געליעבטען מיידעל דעם זיסטען בעכער פון פרייד און האפנונג. איהרע ליפען דוכטען זיך אוים צו זיין די טויערען פון גן עדן — און פלוצלינג, אין סאמע מיט פון דיזען שכרות, זאל מען אנפאנגען ריידען פון נדן, און צווישען א קוש און א גלעט זיך דערמאנען, אז מען האט נאך ניט קיין פיער ווענד, וואו זיין גליק צו בעהאלטען! יא, דאס איז ניט אנגענעהם, דאס איז אבשייליך, עקעלהאפט, שרעקליך — אבער העכסט נויטווענדיג!

ס׳איז דאס „דערמאן זיך אן טויט“, וואס די טראפיסטישע מאנאכען רופען אוים אין דערמיט פון יעדען פעטען מאהלצייט. ס׳איז דער קעלנער, וואס דערלאנגט פלוצלינג די רעכענונג צו דער לוסטיגער קאמפאניע וואס זיצט ארום טיש און דענקט בלויז פון טרינקען, אבער ניט פון צאהלען.

אין חתונה־אנגעלעגענהייטען מוז מען ליידער מאכען די רעכ־נונג פ א ר ׳ן עסען, און די רעכנונג מוז געמאכט ווערען קאלט,

גענוי, מיט איבערלעגונג, ווייל זעהר ליכט כאפט זיך דאַ אריין אַ טעות.

בלויז געוויסע, איינצעלנע מענער מעגען זיין אונפּאַרזיכטיג אין ענין עקאָנאָמיע: יענע, וואָס שפּירען אין זיך די קראַפט צום קאמפּף, די ענערגיע צו עראָבערען זיך אַ פּלאַץ אונטער דער זון. פאַר אזא מענש איז אלץ איינס צי זיין געליעבטע איז רייך צי אָרעם. אזא מענש האָט פערטרויען צו זיך זעלבסט, צו זיינע פעהיגקייטען און קענטניסען. אזא פערטרויען איז מעהר ווערטה ווי געלד און ווי רייכע ירושות, ווייל דאָס קען ער ניט פערלירען ניט דורך היישריקען און דורך וואָלקענבּרוכען, ניט דורך באַנקראָטען און ניט דורך שרפות.

אָבער וויפיעל מענער פון דעם מין זיינען עס פאַרהאַן אויף דער וועלט? ווייניג, זעהר ווייניג. אַלע איבריגע מענער אָבער קען איך בלויז ראטהען, אז זיי זאָלען אין ענין עקאָנאָמיע זיין פּאָרזיכטיג. יעדער פינאנץ־מיניסטער שטעלט אויף אַ בודזשעט, אין וועלכען די איינגאהמע זאָל אויסגלייכען די אויסגאבען. היינט וואָס פאַר אַ בודזשעט מוז מען שוין אויסרעכענען אין אַ ווירטשאַפט, וואו דער פינאנץ־מיניסטער איז די בלינדע ליעבע!

צווישען צוויי פערליעבטע זאָל נאָך יעדען קוש נאָכקלינגען דער פּאַראָל:

„מיר וועלען הייראטען, ווייל אונזער צוקונפט איז עקאָנאָמיש זיכער".

אָבער דער „גוטער געשמאַק" ערלויבט ניט צו זיין אזוי אָפענהערציג.

מיר אָבער, וואָס זיינען שוין ניט מעהר יונג געגוג און מאָדערען גענוג, קימערען אונז ניט וועגען „גוטען געשמאַק" און מיר ערקלערען: בעסער ווען א חתן־כלה האָבען אין זינען דעם כלל: „א ליעבענד הארץ און אַ קליינע הייזקע", איידער: „אַ פּאַלאַץ אפילו אָהן אַ ליעבענד הארץ", אָדער: „אַ ליעבענד הארץ מיט צי אָהן א הייזקע", „אָדער הונדערט טויזענד דאָלאַר מיט צי אָהן אַ ליעבענד הארץ".

אַן אידעאַלע חתונה אין בעצוג אויף פערמעגען איז די יענינע, וואו חתן־כלה זיינען ביידע גלייך פערמעגליך אָדער רייך.

עס מוז ניט דוקא זיין אין גאַנצען גלייך, אָבער מעהר־וועניגער עהנליך גרויס, אַזוי אַז צווישען די פערמעגענס־פערהעלטניסען פון מאַן און פרוי זאָל ניט ליגען אַ צו טיעפער און ברייטער אָבגרונד.

בקיצור, פונקט ווי די בילדונג, דער געשמאַק און די געוואָהנ־הייטען פון אַ פּאָר פאָלק מוזען ניט זיין פונקט גלייכע, נור עהנ־ליכע, ניט צו זעהר פערשיעדענע, אַזוי זאָל אויך זייער פערמעגען זיין פערהעלטניסמעסיג עהנליך איינס צום צווייטען, און אַזאַ פּאָר פאָלק וועט אין ניינציג פעלע פון הונדערט זיין גליקליך ביז צום לעבענס ענד.

אין אַ סך פעלע קען אפשר דער מאַן פערציכטען אויף אַ נדן, ווייל ער אליין האָט גענוג איינקונפט און קען שפּייזען בכבוד אַ פאַמיליע. אָבער אויך אין אַזעלכע פעלע זאָל זיך דער מענש דער־מאָהנען, אַז דאָס לעבען איז אונזיכער, זיכער איז נור דער טויט. הענגט די פרנסה בלויז אָב פון דער ארבייט פון פאַמיליען־אויבער־הויפּט, איז דאָס זעהר אָפט די אורזאַך פון שפּעטערען פאַמיליען־אונגליק. ווען, למשל, מיר האָבען ניט קיין הייזער, און ניט קיין גרונדשטיק און ניט קיין אַקציעס, און ניט קיין אָבגעשפּאָרט פער־מעגען, נור מיר האָבען אַ גוטען „דזשאָב“, וואָס ערלויבט אונז צו לעבען אַנשטענדיג און צו ערציהען אונזערע קינדער אויף אַ פיינעם, בעסערען אופן. פּלוצלונג קומט אַ קראַנקהייט, אַן אונגליק וואָס לעהמט אונזער ארבייטסקראַפט, און אונזער פיינ־ערצויגענע פאַמיליע מוז פּלוצלינג פון דער הויך פון וואָהלהאבענ־הייט און בורזשואַזיגקייט אראָבניעדערען אין טיעפען טאָל פון אָרימקייט און עלענד!

* * *

אין פאַל די פערמעגענס־פערהעלטניסען צווישען מאַן און פרוי זיינען ניט קיין גלייכע, איז עס הונדערט מאָל בעסער, אַז דער מאַן זאָל זיין דער רייכערער און די פרוי די אָרימערע, ווי פערקעהרט.

קיינמאָל פיהלט זיך ניט אַ פרוי ערנידריגט, ווען זי, די אָרימע, הייראַט אַ רייכען מאַן. כאָטש זי שטעהט געזעלשאַפטליך פיעל נידריגער פון איהר רייכען מאַן,, זיינען אָבער איהר שעהנקייט, איהר ווייבליכקייט, איהר יוגענד און איהר אונשולד, צוליעב וועל־כע דער מאַן הייראַט זי, אַזעלכע אוצרות, וואָס זיינען אפשר נאָך

מעהר ווערטה ווי איהר מאַנ'ס געלד און אדעלס־טיטעל.

נאָך א זאַך: לויט זיטע און געזעץ איז די פרוי אונטערגע־ אָרדענט אונטער'ן מאַן, און דאריבער קען זי גאַנץ בערוהיגט אָנ־ נעהמען זיין רייכטום און דאַרף דערביי ניט רויט ווערען. פאַר דאָס רעכט צו הערשען זאָל דער מאַן בעצאָהלען! און דאַן, די פרוי איז ניט שטארק גענוג, אַז זי זאָל קענען אזוי פיעל פערדיענען דורך איהר אַרבייט, אַז ס'זאָל קלעקען אויף צו שפייזען א פאַמיליע. דאריבער איז עס ניט מעהר ווי נאַטירליך, אַז זי זאָל חתונה האָ־ בען מיט א פערמעגליכען מאַן, און זי דאַרף ניט מורא האָבען, אַז זי פערקויפט זיך אָדער פראָסטיטואירט זיך דורך אַזא האנדלונגס ווייזע.

דאגעגען ווען דער מאַן הייראַט א רייכע פרוי, כאָטש זיין פער־ זענליכקייט, זיין גייסט און זיין יחוס זיינען ניט ווערט, אַז מען זאָל פאַר זיי בעצאָהלען אַזא הויכען פרייז, אַזא מאַן פערלירט זיין מענליכען שטאָלץ און פאַלט ארונטער אויף דער שטופע פון א פראָסטיטואירטען. איינגעבויגען און ביז צו דער ערד געפאַלען שטעהט ער פאַר זיין פרוי, און קריגט ער פון איהר, אין א מאָמענט פון אויפרעגונג, א שפיי אָדער א פאַטש אין פנים, האָט ער קיין רעכט ניט צו בעקלאָגען זיך: ער איז א שקלאַף, א געקויפטער שקלאַף, וואָס האָט זיך מיט זיין פרייען ווילען פערקויפט.

איך קען פערשיעדענע פעלע, וואו א זעהר רייכע דאַמע האָט זיך שטערבליך פערליעבט אין א שעהנעם, געבילדעטען אָבער אָרי־ מען יונגענמאַן. דער יונגערמאַן איז פאַר איהר אנטלאָפען מורא האָבענדיג, אַז דורך הייראַטען א רייכע פרוי וועט ער פערלירען זיין מענליכען כבוד. אָבער די פרוי האָט איהם אזוי לאַנג פער־ פאָלגט מיט איהר ליעבע, ביז ער האָט זיך אונטערגעגעבען און זיך געלאָזט אריינכאַפען אין פלען פון חתונה.

מיט דער צייט האָט ער זיין פרוי אָנגעהויבען ליעבען און ימער האָט ער שווער געאַרבייט מיט זיין פעדער, זיין מאַהלער־ פינזעל, זיין גייסט, ווייל ער האָט זיך געשוואוירען, אַז נור מיט זיין אייגענער ארבייט וועט ער אויסהאַלטען זיין פאַמיליע. זיין פרוי'ס פערמעגען האָט ער בעטראַכט פאַר איהר פריוואַטען אייגענ־ טהום, אויף וועלכען ער האָט קיין שום רעכט ניט.

אַזאַ קאַמפּף פּאַר זיין פּערזענליכען שטאָלץ, קעמפּפען נור זעהר וועניג מענער. און אַזעלכע איינצעלנע פעלע פון העלדענמוט און מענליכען שטאָלץ זיינען ווי איינצעלנע ליכטפּעדים אין דער שוואַרצער נאַכט פון געמיינהייט, צבועטסטוואָ און שמוץ, וואָס הערשט אין די מייסטע פאַמיליעס, וואו אַן אָרימער מאַן הייראַט אַ רייכע פּרוי.

ווער עס דענקט פון דער חתונה, ווי פון אַ געשעפטס־זאַך, וועט נאַטירליך לאַכען פון מיינע סענטימענטאַלע מאָראַלפּרעדיגטען.

זאָל ער לאַכען! איך רעד זיך ניט איין, אַז איך לערען דאָ מיינע לעזער, ווי אַזוי מען קען אַ פאַמיליען לעבען פערוואַנדלען אין אַ גן עדן. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז די מייסטע געוויסענלאָזע מענער, וואָס הייראַטען אַ רייכע פרוי, כאָטש זיי אליין זיינען אָרעם אי אין געלד, אי אין גייסט, זיינען גאַנץ גליקליך מיט זייער פרוי'ס רייכטום. וואָס קימערט זיי זייער פערלוירענע מענליכע ווירדע, זייער פּערזענליכע ערנידריגונג? עסען, טרינקען, קליידער, טאַשענגעלד, פערגעניגענס און אַ פּרוי דערצו האָבען זיי — דאָס איז זיי פאָלשטענדיג גענוג און זיי זיינען מקבל באהבה די פעראַכטונג, מיט וועלכע די געזעלשאַפט קוקט אויף זיי, די דיענסטמויד־שטעלונג, וואָס זיי האָבען ביי זייער פּרוי, דעם שפּיי אין פּנים, וואָס זיי קריגען פון צייט צו צייט. אָבער איך קען זיך ניט פאָרשטעלען קיין אמת'דיג גליק, וואָס טרעט אונטער זיינע פיס אונזער פערזענליכען שטאָלץ.

איך קען זיך ניט פאָרשטעלען קיין אמת'דיג גליקליכען מאַן, וואָס שעהמט זיך פאַר זיינע פריינד, וואָס ציטערט פאַר זיין פרוי, וואָס מוז ביי זיין בעסערער העלפט יעדען טאָג בעטען טאַשענגעלד, וואָס לעבט און הוליעט אויפ'ן חשבון פון אַ פרעמדען פערמעגען.

כאָטש דורך אַ לאַנגע צייט איבען זיך אין ציניזם קען עס געלינגען צו דערשטיקען אין דער ברוסט דעם גוואַלד־געשריי פון בעליידיגטען כבוד, מוז אָבער דאָך קומען דער טאָג, ווען עס פאַנגען זיך אָן די פאַמיליען־מחלוקת'ן, די העסליכע דועלען, וואָס ווערען געפיהרט מיט די מערקווירדיגע וואַפען, וואָס רופען זיך ביטערער שמייכעל, גרויזאַמע איראָניע, געמיינע צונעמען, ניפּטיגע סטראַשונקעס און אַז. וו. ווען די פרוי הויבט דאַן אָן שלאָגען דעם

טיש מיט איהר פּאַכער און דורך די צייהן ארויסקישען: „צוריק־שמועסענדיג, מיין טייערער, בין איך דאָך דיין פערזאָרגערין, דיין ברויט־געבערין...‟ און ווען דער מאַן, דערהערענדיג דיזע ווערטער, ווערט ניט רויט ביז צום פּאַטילניצע און פיהלט ניט ווי די גאַל קומט איהם אין האַלז אריין און שפּירט ניט קיין עקעל פאַר זיך אליין — דאַן איז דערדאָזיגער מאַן ניט קיין מאַן, נור אַ שמור־ציגע חיה. אזאַ מאַן, וואָס האָט זיין מענליכע בכורה פערקויפט פאַר אַ זשמעניע גאָלדשטיקלעך, איז הונדערט מאָל ערגער פון דער אָרימער פּראָסטיטוטקע, וואָס גיט אוועק איהר קערפּער פאַר אַ שטיקעל ברויט, צו איינשטילען איהר הונגער.

# פלאָנטערם און שטערונגען ביי חתונות.

מיר מעגען האָבען אויסגעקליבען די בעסטע פון אַלע פרויען פאַר אונזער לעבענס־בעגלייטערין, און דאָך איז די פּראָבלעמע פון גליקליכען פאַמיליען־לעבען דורך דעם נאָך ניט פּערענטפערט. עס קענען איינטרעטען פּאַסירונגען און שטערונגען, און דוקא דאַן, ווען מיר האָבען זיך אויף זיי גאָר ניט גערעכט.

א כלה, מוז מען בערעכענען, איז ניט קיין שטערן, ארונטער־געפאַלען פון הימעל, נור א פרוכט וואָס הענגט נאָך אויף א צווייג. דיזען צווייג, ווידער, מוז מען אָברייסען פון א שטאָם. דיזער שטאָם איז די פאַמיליע פון אונזער בעשערטער. צום אונגליק, הייראַט מען אימער ניט נור די כלה, נור אויך דער כלה'ס פאַמיליע. מען טרעט אריין אין א צירקעל, וואָס קען זיין פול מיט רויזען, אָבער אויך פיעל מיט גיפטיגע שלאַנגען און בייסענדע ביהנען.

נור צו אָפט נאַרט מען זיך אליין אָפּ און מען רעדט זיך איין, אז אזוי שנעל ווי מען וועט ווערען דער געזעצליכער האַר איבער זיין כלה, וועט מען זיך קענען בויען א שטיל, גליקליך ווינקעלע פאַר זיך און זיין ווייבעלע און פערטרייבען די ביהנען און צוטרעטען די שלאַנגען אַרום זיך. אָבער דער פאַמיליען־קרייז, וואָס איז דורך דער הייראַטה געוואָרען אָרימער מיט א מיטגליעד, גיט קיינמאָל ניט אויף זיין רעכט אויף דעם דאָזיגען מיטגליעד, ס'הייסט אויף זיין יונג ווייבעל. ער וועט הויך און שטיל פּראָטעסטירען געגען זיין אָבגעשלאָסענהייט און וועט שמידען פערשווערונגען געגען דיר. דיין פרוי'ס עלטערען האָבען זייער רעגירונג איבער זייער טאָכטער טאַקע אָבגעטרעטען צו דיר, אָבער זייער פּראָטעקטאָראַט איבער איהר גיבען זיי קיינמאָל ניט אויף. דאָס רעכט זיך ארייג־

צומישען אין דיינע פאמיליען־אנגעלעגענהייטען האלטען זיי פעסט צו מיטביידע הענד.

א יתומה וואָלט אַלזאָ זיין די איינציגע אידעאַלע פרוי פאר א מאן, ווייל זי האָט ניט קיין עלטערען און פאר קרובים האָט מען ניט וואָס צו שרעקען זיך, ווייל זיי זיינען געוועהנליך צופריעדען פון איהר פטור צו ווערען. אָבער אויך אין אזא פאל קענען פאָר־קומען פלאָנטערס און שטערונגען. א יונגע יתומה שטאַמט מיים־טענס פון קראנקע עלטערען, וואָס זיינען יונג געשטאָרבען. אזא פרוי קען ניט געבוירען קיין פאָלקאָם געזונטע קינדער און ניט געזונטע קינדער זיינען אן אונגליק אי פאר דער פאמיליע, אי פאר דער געזעלשאפט.

די רעטעגישען פון לעבען זיינען ליידער אזעלכע, אז ווען מיר דענקען, אז מיר האָבען איינס פון זיי שוין געטראָפען, קומט פלוצ־לינג אירגענד אן אומשטאנד, וואָס פערמעקט דעם פתרון און מאכט דאָס רעטעניש נאָך שווערער פאר אונז.

א כלה קען אָבער אויך אויף אן אנדער אופן ווערען א יתומה, ניט דוקא דורך די קראנקהייט פון איהרע עלטערען. מיט אזא מיידעל חתונה האָבען איז דאָס העכסטע גליק פאר א מאן. דאָס מיידעל קען, צום ביישפיעל, פערלירען איהרע עלטערען דורך א שרפה אָדער אן אייזענבאהן־אונגליק, ווען זי אליין איז נאָך גע־ווען א קינד.

איך רעד פון זאכען וואָס קלינגען ווי פאנטאזיעס. איך רעד פון א מיידעל'ס עלטערען ווי א מענש אָהן א הארץ. אָבער וואָס שאדט עס? א שלעכטע, בייזע שוויגער איז לכל הדעות ערגער ווי אן אייזענבאהן־אונגליק צי א שרפה.

אָבער ניט אלע שוויגערס זיינען שלעכט. פארהאן גוטע, ליע־בע, קלוגע שוויגערס, וואָס ווערען פאר'ן איידעם א צווייטע מאַמע, וואָס פערזיסען דאָס לעבען פון יונגען פאָרעל און ברענגען אריין אין דער נייער יונגער היים זייערע אַלטע ערפאהרונגען און שפּיע־לען די ראָליע פון א שיעדס־ריכטער אין די פערשיעדענע קליינע מחלוקות'ן, וואָס קומען געוועהנליך פאר צווישען א יונג פּאָר פאָלק, וואָס פערשטעהט נאָך ניט איינס דאָס צווייטע. ווען איך רעד פון שלעכטע שוויגערס, מיין איך יענע, וואָס זיינען ניט קיין פרויען,

נור מענער, וואָס בעזיצען אַלע שלעכטע מעלות פון אדם'ס זיהן.
אפילו די בעסטע שוויגער זעהט אין איהר איידעם אַ מין רויבער, וואָס האָט זיך מיט גוואלד אריינגעריסען אין איהר וואָה־נונג און אוועקגערויבט איהר טאָכטער. איז דיזע שוויגער אַ גוטע, וועט זי עס מקבל זיין באהבה און ניט אַרויסצייגען אָפען איהר אייפערזוכט. זי וועט ניט מאַכען קיין קאָנספּיראַציעס געגען איהר איידעם, אָבער שטילערהייד, ביי נאַכט אויף איהר געלעגער, פער־גיסט זי ניט איין ביטערען טרעהר. און מיט דער צייט ווערט איהר אייפערזוכט ניט ווילענדיג דייטליכער און טראָגט אריין אין איהר איידעם'ס היים אַן אַטמאָספערע, וואָס שמעקט זעהר ביטער, וואָס וועלכע דער איידער מוז באַלד דערשפּירען.
איך פערשטעה אזא פרוי און בין איהר אַ סך זאכען מוחל. די ביטערקייט, וואָס קומט אַרויס פון איהר הארץ, קומט פון די טיעפסטע, ריינסטע מוטער־געפיהלען. צוואַנציג, דרייסיג יאָהר האָט דיזע פרוי געהאַט אַ טאָכטער. מיט שמערצען האָט זי איהר געבאָרען, מיט ווע:הטאָג אויפגעהאָדעוועט און מיט געדולד און קלוגהייט ערצויגען. צוואַנציג יאָהר כסדר האָט זי מיט איהר גע־אָטעמט דיזעלבע לופט, געזעסען ביים עלבען טיש, צוזאַמען גע־לאַכט און צוזאַמען געוויינט. און איצט קומט דער ערשטער בעס־טער, און בלויז ווייל ער טראָגט הויזען און האָט אַ פּאָר אונפער־שעהמטע האָהר אויף דער אויבערשטער ליפּ, קען ער ביי איהר מיט איין פּרעכען נעהם אוועקשלעפּען איהר טייערען אוצר, ווי איינער, וואָס נעהמט זיך אָפּ זיין אייגענטום. און דאָס איז נאָך ניט דאָס ערגסטע. איהר אייגענע טאָכטער, דער גליק פון איהר היימישען טעמפּעל, לויפט נאָך די פּאָאר הויזען און די פּאָר גע־קרייזעלטע וואָנסען. זי פערלאָזט דאָס הויז פון איהר מוטער, ווי אַ גאַסט פערלאָזט אַ האָטעל, נאָכדעם ווי ער האָט דאָרט איבער־גענעכטיגט אַ נאַכט.
לאָמיר זיין גערעכט! ווער קען וואָגען צו וואַרפען דעם ערשטען שטיין אויף אזא אָרימע פרוי, אויף אַן עלענדע, פערלאָ־זענע מוטער? ווער קען זיך ערלויבען צו זיין אויף איהר אין כעס דערפאַר, וואָס זי פערלאַנגט כאָטש, אַז איהר טאָכטער'ס הויז זאָל ניט זיין צו ווייט פון איהר הויז, וואָס זי בעט ווי אַ נדבה, אַז

דער איידעם זאָל איהר ערלויבען צו בעזוכען זיין הויז עטליכע מאָל אין טאָג צו זעהען זיך מיט איהר קינד?

דער מאַן איז אַן עגאָאיסט. איהם דריקט די פּאָטערשאַפט פיעל וועניגער, ווי די פרוי די מוטערשאַפט. אָבער אויך ער דאַרף אביסעל פיהלען דעם אונגעהייערען שמערץ, וואָס עס פיהלט א מו־טער, צוקוקענדיג ווי איהר טאָכטער פערלאָזט איהר הויז.

די חתונה פון א געליעבטער טאָכטער איז פאַר א מוטער א פּאַסירונג, אויף וועלכען זי וואַרט און האָפט. אָבער מיט דער חתונה איז עס ווי מיט א קימפּעט: ס'איז א ברכה, אָבער זי איז בעגלייט פון זעהר שטאַרקע שמערצען. שטאַרקע מוטער־הערצער פיהלען דעם שמערץ, אָבער זיי ציינען איהם ניט ארויס, כדי א צווייטער זאָל איהם ניט פיהלען. זייער שמערץ ווערט קיינמאָל ניט פערוואַנדעלט אין האַס און אין אינטריגעס. עס זיינען אָבער פאַראַנען מאַמעס וואָס פאַר יעדען טראָפּען ביטערקייט וואָס זיי פיהלען, ווילען זיי נעהמען נקמה. זיי נעהמען זיך צייט אויסצו־בריהען און אויסצוואַרימען זייער ראַכע, און זיי ציינען איהר ארויס גראַד דעמאָלט ווען מען האָט זיך דאַרויף גאָר ניט געריכט.

איך שטעל מיר פאָר, אַז איהר זיינט א גוטער, געדולדיגער מענש, אַן אָפּטימיסטישער פילאָזאָף. איהר פערמאַכט די אויערען, ווען מען שושקעט אייך אין זיי אריין רכילות, איהר זאָגט: „א שעהנעם דאַנק, ווען מען טרעט אייך ארויף אויפ'ן פוס. קיין זאַך, אפילו ניט א בייזע שוויגער, קען אייך אריינברענגען אין א כעס. און דאָך מוז אמאָל קומען דער טאָג, ווען אפילו אייער געדולד וועט פּלאַצען, אפילו אייער אָפּטימיזם וועט האָבען אַן ענד און אייער גאַנצער פּערדרוס, וואָס האָט זיך אין אייך אָנגעזאַמעלט אין לויף פון יאָהרען, וועט פּלוצלינג ארויס אויף דער פרייער לופט און איהר וועט זיך אָוועקשטעלען פאַר אייער דערשראָקענער פרוי און ארויסדונערען:

„געגוג! איך אָדער דיין מאַמע! קלייב זיך אויס".

די ווערטלעך פון אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכען, די סאַטירען פון אַלע דיכטער, די וויצען פון אַלע דראַמאַטישע אויטאָרען בע־דויערען איינשטימיג דעם איידעם און שליידערען שווערדען און שפּיזען אויף דער שוויגער. דאָס איז א זיכערער בעווייז פאַר דעם

כלל, אז גוטע שוויגערס זיינען א זעלטענהייט. די גרעסטע גע־פאהר פאר'ן פאמיליען־גליק פון א פאר פאלק איז די שוויגער.

דערפון קענען מיר לערנען צוויי זאכען:

1. איידער מיר הייראטען זאלען מיר פריהער אויספּרובירען דעם כאראקטער פון אונזער צוקונפטיגער שוויגער. מיר זאלען פּרובי־רען אויסגעפינען, צי וועט אונזער שוויגער פאר אונז זיין א מלאך צי א טייוועל, א גוטער פריינד צי א בלוטיגער שונא.

2. ווי אזוי אייער פּסיכאלאגישע אונטערזוכונג פון דער שווי־גער'ס כאראקטער זאל זיך ניט ענדיגען, צום גוטען צי צום שלעכ־טען, ערקלערט פאר דער חתונה איינמאל פאר אלעמאל, אז איהר זיינט פעסט ענטשלאסען צו וואהנען גאנץ אליין מיט אייער בע־שערטער, ניט אין הויז פון איהר מוטער, און ניט מיט איהר מוטער בשותפות אין אייער הויז. אויב אייער בעשערטע ליעבט אייך אויפריכטיג, וועט זי האלטען מיט אייך, און אויב איהר מוטער האט דאגעגען, וועט זי שטעהן אויף אייער זייט.

מאכט ניט קיין קאמפּראמיסען, טרעט ניט אפּ פון אייער רעכט אלס מאן אפילו אויף א פּוס די ברייט. בלייבט פעסט ביי אייער ענטשלוס, ווייל איהר מיינט דאך בלויז דערמיט אייער איי־גען גליק, דאס גליק פון אייער פרוי און דאס גליק פון אייער נייער פאמיליע, צווישען איידעם און שוויגער זאל הערשען ליעבע און אכטונג, אבער דער אבשטאנד צווישעןביידע זאל זיין אזוי ברייט ווי מעגליך. צוטרויען, אבער ניט גוטברודערשאפט; אכטונג, אבער ניט אונטערטעניגקייט!

* * *

א חוץ שוויגערס זיינען נאך דא געננג פלאנטערס, וואס בע־דראהען דאס פאמיליען־גליק פון א מאן. איינע פון די שוויריגסטע פּראבלעמען פון דער חתונה איז, ווען דער חתן איז אן אלמן אדער די כלה איז אן אלמנה, ווען זיי האבען ביידע קינדער פון דער ערשטער חתונה אדער זיי האבען ביידע קיין קינדער ניט, אדער איינער האט יא קינדער, דער צווייטער ניט.

מען קען אויפשטעלען אזא פארמולא:

ביידע פער'אלמנ'ט

אהן קינדער

מיט קינדער
פון אלמן,
פון דער אלמנה,
פוןביידע.

דיזע אריפמעטישע אמבען, טערנען און קוואטערנען זיינען אלע פאסטקעס און געפאהרען פאר'ן פאמיליען־גליק, קוואלען פון יסורים און אונגליק.

ווען אן אלמן הייראט אן אלמנה און ביידע ברענגען ניט מיט קיין קינדער, איז ניטאָ קיין געפאהר. אזא חתונה איז ווי א חתונה צווישען א בחור און א מיידעל.

אמת, דער מאן אומארעמט שוין ניט קיין בתולה, אָבער ווענינגסטענס האָט ער עס געוואוסט פריהער, און ער פערשפּאָרט צו דערלעבען יענע ביטערע ענטוישונג, וואָס די מייסטע בחורים דערלעבען היינט צו טאָג אין דער חופה־נאכט ביי זייערע „בתולות“.

געווים איז נאָך פארהאן א געפאהר, אז די געהייראטע אלמנה וועט מאכען פערגלייכען צווישען איהר צווייטען מאן מיט איהר ערשטען, און דער פערגלייך זאָל אויספאלען צום גונסטען פון ערש־טען. אָבער אויך דאָס געגענטייל קען פּאסירען, דער צווייטער מאן קען מעהר ווערט זיין פון ערשטען, און דאָס וועט די פרוי געווים גליקליך מאכען.

בקיצור, ווער עס פיהלט, אז ער האָט חסרונות, זאָל שטילער־הייד זיך ערקונדיגען וועגען די מעלות פון זיין כלה'ס ערשטען מאן און זיי פערגלייכען מיט זיינע אייגענע. ערשט דאן, ווען ער האָט אויסגעפונען, אז ער דאַרף זיך מיט זיינע קערפּערליכע און גייסטיגע פּאָרצוגען ניט שעהמען פאר די פאָרצוגען פון ערשטען מאָן, מעג ער רוהיג הייראטען די אלמנה און ניט מורא האָבען, אז זי וועט איהם ביי געוויסע געלעגענהייטען פאָרוואַרפען איהר בר מינן.

ווען אן אלמן הייראט אן אלמנה, קענען זיי ענטוועדער ביידע מיטברענגען קינדער, אָדער נור איינס פון זיי. אין ביידע פעלע ליגען פערבאָרגען פערשיעדענע געפאהרען.

די קלענערע געפאהר איז, ווען בלויז די פרוי ברענגט מיט זיך מיט קינדער. ווען דער צווייטער מאן האָט זיין בעשערטע באמת ליעב, וועט ער מייסטענס אויך איהרע קינדער ליעב האָבען.

דערצו איז נאָך אַ מאַן זיצט וועניגער אין הויז און די פאַטערשאַפט בילדעט פאַר אַ מאַן ניט דאָס גאַנצע לעבען, נור אַן עפּיזאָד פון זיין לעבען. ברענגט די צווייטע חתונה קיין קינדער ניט, איז אודאי נישטאָ וואָס מורא צו האָבען. דער מאַן וועט זיין פרוי'ס קינדער גאַנץ בעשטימט אַזוי ליעב האָבען ווי זיי וואָלטען זיין זיינע אייגענע.

אין פאַל ביידע ברענגען מיט קינדער, קען דאָס פאַמיליען־לעבען נאָך אויך זיין אַ גליקליכס. ביידע צדדים זיינען גלייכע מיוחסים, און יעדער קען דעם צווייטען דאָסזעלבע פאָרוואַרפען.

די געפאַהר איז פיעל גרעסער, ווען בלויז דער מאַן ברענגט מיט קינדער פון זיין ערשטער פרוי, און זיין צווייטע פרוי געבוירט איהם נאָך אַ פּאָר. אין אַזאַ פאַל מוז דער מאַן, די פרוי און די קינדער איינאָפּך זיין אַ פאַמיליע פון מלאכים, אַז עס זאָלען מיט דער צייט ניט אויסברעכען צווישען זיי קיין פאַמיליען־מחלוקות'ן. בערעכענט אייך גוט, בערעכענט עס הונדערט מאָל איידער איהר וואַגט צו שליסען אַזאַ לעבענסבונד!

אין חתונות צווישען פעראַלמנ'טע בילדען גראַד די קינדער די גרעסטע געפאַהר פאַר'ן גליק, ווייל אין דער נייער חתונה זעהען די קינדער זייער צוקונפט בעדראָהט. זיי געדענקען אימער זייער געשטאָרבענעם פאַטער אָדער געשטאָרבענע מוטער און זיי האַלטען די ווידערפערהייראַטונג פון זייערע עלטערען פאַר אַ פערשוועכונג פון זייער פאַטער'ס אָדער מוטער'ס אַנדענקען.

* * *

איינס פון די ביידע צדדים קען זיין פער'אַלמנ'ט. צום כבוד פון די פרויען איז די צאָהל פון אלמנ'ס, וואָס האָבען ווידער חתונה, פיעל גרעסער, ווי די צאָהל פון הייראַטסלוסטיגע אלמנות. דאָס בעווייזט, אַז דער מאַן געפינט זיין גליק אין דער חתונה פיעל אָפּ־טער ווי די פרוי; אַז די פרוי דענקט פיעל לענגער אָן איהר גע־שטאָרבענעם מאַן און אַז דאָס גליק פון איהרע קינדער איז איהר טייערער ווי איהר אייגען גליק.

איך האָב געקענט אַ סך, וואָס, ניט קוקענדיג אויף זייער יוגענד, זיינען זיי פערבליבען אלמנות און האָבען זיך אין זייער פערלאַנג נאָך ליעבע און געגענליעבע מקריב געווען פאַר'ן גליק און

וואוילזיין פון איהרע קינדער. זייענדיג שטאָלץ אויף זייער מקריב זיין זיך, האָבען זיי הארט געמאכט זייער הארץ געגען יעדען נסיון און נעגען יעדע ליידענשאפט, אפילו די גערעכטסטע און נאַטיר־ליכסטע.

פערשטעהען די קינדער די דאָזיגע קרבנות, וואָס מען ברענגט פאַר זיי, בעגרייפען זיי, אַז צו אזא יאָהרענלאַנגען קאַמפּף מיט זיך זעלבסט איז נויטיג מעהר מוטה, ווי צו פיהרען אַ שלאַכט געגען פיינדליכע הארמאַטען? — זעהר זעלטען ווייסען און בעגרייפען דאָס די קינדער, ווייל אפילו דאָס בעסטע קינד קען ניט בעצאָהלען זיינע עלטערען, בעזאָנדערס דער מוטער אפילו דעם הונדערטסטען טייל פון דער ליעבע, וואָס מען ספענדעט פאַר איהם.

* * *

איז די פערבינדונג צווישען אַן אַלמן און אַ יונגער מיידעל אַ גליקליכערע ווי צווישען אַן אלמנה און אַ בחור?

צו ענטפערען אויף דיזער פראַגע איז גאָר ניט לייכט, ווייל די פּראָבלעמע איז אַ צו אונזיכערע. די אינדיווידועלע אייגענשאַפטען פוןביידע צדדים זיינען צו שטאַרק פערשיעדען און ענדערען די פּראָבלעמע פון פאַל צו פאַל, לויט די אומשטענדען, ליידענשאַפ־טען און אז. וו.

אַן אלמנה איז געוועהנליך די בעסטע געטרייסטע פרוי, אויס פערשיעדענע אורזאַכען. זי האָט אַ סך אילוזיעס פערלאָרען, זי האָט זיך בעקענט מיט׳ן עגאָאיזם פון מאַן און זיך אויסגעלערענט מוחל צו זיין חסרונות. אָפט האָט זי אליין זיך אויך געמוזט לאָזען פערצייהען אַ לוינע, אַ שאַרף וואָרט, אַן אייפערזיכטיגע נאַריש־קייט. און אַזוי ווי די פרוי זאָרגט זיך אימער און אונטער אַלע אומשטענדען מעהר פאַר׳ן גליק פון אַנדערע ווי פאַר איהר אייגען גליק, ווייל זי, אַז איהר צווייטער מאַן זאָל זיך פיהלען פאָלקאָם גליקליך, און איהר ערפאַהרונג העלפט איהר דאָס דורכצופיהרען. אין די מייסטע פעלע געלינגט איהר לייכט דורכצופיהרען דעם דאָ־זיגען נאָבעלען ענטשלוס. קען זי שוין מעהר ניט בעגליקען דעם מאַן איהרען מיט דער בלום פון מיידעלשאַפט, וועלכעס בלום איז, אגב, מעהר פאַבעל ווי ווירקליכקייט, שענקט זי איהם דערפאַר די

אוצרות פון איהר ערפאהרונג אין ליעבעסזאכען, און דיזע ערפאה־רונג איז ווערטה מעהר ווי הונדערט בתולים.

דער אלמן וואס הייראט א יונג מיידעל, האט, ווידער, דאס גוטע, וואס זיין פרוי קען ניט מאכען קיין פערגלייכען צווישען איהם און דעם געשטארבענעם ערשטען מאן, און דאס וואס ער, דער אלמן, ברענגט אין דער חתונה א טייערען נדן, וועלכען א בחור קען קיינמאל ניט פערמעגען: ער קען שוין אלע קליינע שוואכקייטען און אלע גרויסע מעלות פון א פרוי. ער האט זיך אבגעוועהנט פון זיין צו שטארק עגאאיסטיש און זיך אויסגעלערנט שאנעווען די געפיהלען פון אנדערע. אזא מאן איז מייסטענס דער בעסטער מאן אין פאמיליען־הייטער.

* * *

אין די פערפלאנטערטע רעטענישען, אין די געפעהרליכע אונ־בעשטימטהייטען, וואס קומען פאר ביי חתונות צווישען פער׳־אלמנ׳טע לייט, צווישען אלמנות און בחורים, איז דאס הארץ נאך אלץ דער אנקער, וואס איז אימשטאנד צו רעטען דאס פאמיליען־שיף פון יעדען שטורם.

ווען צוויי, וואס פערבינדען זיך אויף אייביג, פיהלען אין זיך די אלמעכטיגע ליעבע, דאן ווערט יעדע שוועריגקייט באלד גלאטיג, און דער גאט פון אחדות ציהט באלד אריין אין דאס נייע הויז.

די געפעהרליכסטע דיפערענצען קען די ליעבע אויסגלייכען, און נאך א קורצען מחלוקות ווערט ווידער שלום ושלוה אין דער לעבענסוועג פון פארעל געהט ווייטער איבער ליעבעס־בלומען און ליעבעס־ברכות.

די ליעבע איז די קראפט פון אלע קרעפטען. איהר קראפט שפאנט איין אין א זאך אלע אנדערע קראפטען. דארט וואו עס הערשט די מאכט פון ליעבע, קען די טייפלישע מאכט פון האס און מחלוקות ניט לאנג געוועלטיגען.

* * *

פון אלע אונאנגענעהמע פאסירונגען, וואס קענען זיך מיט א מענשען טרעפען, ווען ער שטעהט אויפ׳ן שוועל פון הייראט, איז די אונאנגענעהמסטע די, ווען אימיצער פערהאקט די טהיר פאר

אונזער נאָז מיט דעם אויסרוף: „האלט! רו קענסט אהער ניט אריין!“

איך מיין דאָ די דעה וואָס עלטערען און קרובים גלויבען צו האָבען, ווען זייער קינד אָדער קרוב געהט חתונה האָבען. א מייד־דעל זוכט זיך אויס א חתן, קומען די עלטערען און ערקלערען, אז ער געפעהלט זיי ניט, און זי זאָל זיך זוכען א פּאסענדערען חתן. ווי אזוי זאָל א פערליעבט פּאָר'ל אין אזא פאל האנדלען?

ווען חתן כלה זיינען באמת פערליעבט איינס אין דאָס אנ־דערע, ווען זיי האָבען זיך אין שטילע ווינקעלעך געשוואָרען אייביג ליעבע און טריישאפט, ווען זיי האָבען דאָס וואָרט ליעבע שוין אויסשטודירט ביז איבער די העלפט, דאַן גלויבען זיי געוועהנליך צו האָבען דאָס רעכט, צו ווערען מאַן און פרוי. קענען זיי ניט קריגען די צושטימונג פון זייערע קרובים, בעגעהען זיי זיך אָהן דער דאָזיגער צושטימונג, מאכען א ויברח, פערלאָזענדיג זיך דארויף, אז ווען זייער חתונה וועט שוין זיין א פאקט, וועלען די קרובים, ווילענדיג אָדער ניט, מוזען זאָגען יאָ און אמן. אין א סך פעלען זיינען אָבער די פערליעבטע ניט אזוי קלוג. אָפט געברויכען זיי א גאנץ אנדער מיטעל צו שטילען זייער ליעבעס־שמערץ: ז'י נעהמען גאז, זיי קויפען א רעוואָלווער אָדער זיי דערטרינקען זייער וועהטאָג אין טיעפען וואסער פון ים.

ווער, זייענדיג אין אזא פערצווייפעלטער לאגע, האָט נאָך צייט נאָכצודענקען וועגען דעם אופן, ווי אזוי ער זאָל זיך דאָס לעבען נעהמען, דער וועט געוויס נאָך געפינען צייט צו לעזען מיין בוך. און דאָ וועט ער געפינען מיין עצה: לאָז די גאז רוהיג בלייבען אין פּייפּ, לאָז דעם סם ביים אפּטייקער און לאָז דעם רעוואָלווער ביים רעוואָלווער־הענדלער! דאָס לעבען איז א שעהנע און טייערע זאך, איבערהויפּט ווען ליעבע און צערטליכקייט פילען עס אויס. אמת'ע ליעבע געהט אימער ארעם אין ארעם מיט פערנונפט און מיט שכל הישר. ניט ליעבע, נור ליידענשאפט קען טרייבען צו זעלבסטמאָרד. ווען מען וואָלט, דורך עפּעס א צויבערוואָרט, געקענט אויפוועקען פון טויט אלע יונגע מענשען, וואָס האָבען צוליעב אונגליקליכער ליעבע זיך גענומען דאָס לעבען, וואָלטען ניינציג פון הונדערט זיך

געפיהלט העכסט גליקליך, און אָנגעפאַנגען אַ נייַ לעבען, און אפשר אויך נייע ליעבעס.

די עלטערען האָבען אימער דאָס רעכט זיך אריינצומישען, צו געבען אַן עצה, אמאָל זאָגאר צו זאָגען „ניין", ווען זיי האָבען אויסגעפונען, אַז די צוקונפט פון זייער קינד איז אין אַ געפאַהר. דאָס קינד, ווידער, זאָל בערעכענען, אַז זיין ליעבע צום געליעבטען קען אָפט זיין אַ הייסע ליידענשאַפט צו אייגעם, וואָס איז עס ניט ווערטה, און ליידענשאַפט מאַכט בלינד די פערנונפט און בעטויבט דעם שכל.

אויב איהר ווילט הייראַטען אַ נידריגע בריאה, וואָס קען שאַדען דעם נאָמען פון דער פאַמיליע, פון וועלכער איהר זיינט אַ מיטגליעד ;

אויב איהר ווילט זיך פערבינדען מיט אַ שווינדזוכטיגען אָדער מיט איינעם וואָס שטאַמט פון אַ פאַמיליע פון שווינדזיכטיגע ;

ווען דורך דער חתונה מיט אייער געליעבטען זיינט איהר אין געפאַהר צו בלייבען אייביג אָרעם און צו פערמעהרען די גרויסע צאָהל פּראָלעטאַריער־פאַמיליעס ;

ווען איהר ווילט, בלינד און משוגע פון ליידענשאַפט, זיך אריינוואַרפען אין אַן אָבגרונד, בלויז אום צו בעפרידיגען אייער געשלעכטליכע תאוה, וועלכע איהר רופט אירטימליך ליעבע —

דאַן האָבען אייער טאַטע־מאַמע דאָס פולע רעכט זיך אנט־קעגען צו שטעלען געגען אייער ווילען און אייך צו רעטען פון אונ־טערגאַנג. געלינגט זיי דאָס ניט, דאַן האָבען זיי װעניגסטענס דאָס טרויסטליכע געפיהל, אַז זיי האָבען געטהאָן זייער פליכט. געלינגט זיי יאָ צו בעזיעגען אייער עקשנות, וועלען זיי שפּעטער קריגען, אלס לוין פאַר זייער מיהע, אייער האַרציגען אויפריכטיגען דאַנק.

אין אזאַ פאַל (ווען די עלטערען קומען אַרוים די זיעגער) האָט איהר דאָס פולע רעכט צו וויינען, צו קלאָגען און אויסצופּען עטלי־כע האָהר פון אייער קאָפּ. אָבער אַזוי שנעל ווי דער קוואַל פון אייערע טרערען ווערט טרוקען און אייער פערצווייפלונג ווערט אָב־געקיהלט, איז דאָס גלייכסטע פאַר אייך, אַז איהר זאָלט זיך שעהן אָפּוואַשען דאָס געזיכט און דערנאָך צוזאַמענקלייבען די אויסגע־פליקטע האָהר און זיי אָבשיקען אייער געליעבטער, אלס אנדענקען

ביז איהר וועט צוריק קומען פון אייער רייזע. ווייל אַבריייזען מוזט איהר זאָפּאָרט, אפילו צו פוס, אויב איהר האָט ניט אויף א באהן־טיקעט. רייזט אָב אין א ווייט לאנד. ווער וויים, אויב, צוריק־קומענדיג פון אייער רייזע, וועט איהר ניט געפינען אין אייער צימער א פיין איינגעפּאקט פּעקעלע, וואָס ענטהאלט אייערע איי־גענע בריעף, אייערע אייגענע האָהר און אפשר אויך די מעלדונג, אז אייער געליעבטע האָט אין א מזל'דיגער שעה חתונה געהאט מיט אן אנדערען?

אויב אָבער אייער געליעבטע האָט איבערגעקומען דעם לאנגען נסיון און האָט אויף אייך געווארט, געווארט; אויב אייער געגענ־זייטיגע ליעבע איז דורך אייער אבוועזענהייט ניט קלענער, נאָר גרעסער און הייסער געוואָרען, איז ווער וויים, צו וועלען אייערע עלטערען ניט דערשפּירען קיין מיטלייד מיט אייך און מיט אייער ליעבע, צו וועלען זיי ניט איינזעהן, אז ס'איז ניט פּאָטערליך, נור פערברעכעריש צו וועלען צושיידען צוויי הערצער, וועלכע אפילו די צייט און דער רוים קענען ניט פונאנדערשיידען? נאטירליך רעד איך דאָ ניט פון פּעלען, וואו אייער געליעבטע שטאמט אָפּ פון שווינדזיכטיגע, וואהנזיניגע אָדער פערברעכער. אין אזא פאל האָ־בען אונטער אלע אומשטענדען אייערע עלטערען דאָס פולע רעכט זיך אנטגעגענצושטעלען אייער הייראטס־וואונש. בעסער איהר זאָלט שטארבען דורך זעלבסטמאָרד אָדער פון א צובראָכען הארץ, איידער איהר זאָלט אָנפלאָדיען שווינדזיכטיגע, וואהנזיניגע אָדער פערברעכערישע קינדער אויף דער וועלט און אויף אזא אופן שטע־לען אין געפאהר די צוקונפט פון דער מענשהייט.

איבריגענס וועלען עלטערען, וואָס האָבען אמת ליעב זייערע קינדער, קיינמאָל ניט ענטפערען „ניט", אויף זייער פערלאנג חתונה צו האָבען מיט א געליעבטער פערזאן, נור זיי וועלען ענטפערען:

„מיר'ן זעהן, האָב אביסעל געדולד".

די צייט איז דער בעסטער און פעהיגסטער קאָרעקטאָר פון די דרוקבויגען פון ליעבע, און די סטראטעגיק פון רוימישען גע־נעראל פאביאוס דער צערערער, וואָס האָט געוואונען אלע זיינע שלאכטען בלויז מיט דער סטראטעגיק פון אָבווארטען און געדולד־

האָבען, איז די איינציגע ריכטיגע סטראַטעגיק אויף אין די שלאַכטען פון ליעבע.

צייט און געדולד גיבען אונז די מעגליכקייט צו אונטערשיידען צווישען גאָלד און בלעך, צווישען אמת'ע ליעבע און געמיינע תאוה, צווישען מענשען וואָס ליעבען אונזער נשמה און מענשען, וואָס גלוסטען בלויז אונזער קערפּער אָדער אונזער פערמעגען.

און אויב איהר, פערליעבטע, ווילט, אַ חוץ די עצות פון אייערע עלטערען און גוטע פריינד, אויך הערען די עצה פון אַן ערפאַהרענעם אלטען מאַן, דעם שרייבער פון דיזען בוך, טו נעהמט מיין עצה און ווארנונג:

„האָט צייט! בעוואָפענט אייך מיט געדולד! זאָגט קיינמאָל ניט: „זאָפאָרט! אָבער אויך ניט: קיינמאָל ניט!“

ענדע

עדיטאָריעל וועגען דעם „טאַגעבוך פון אַן עלענדער מיידעל“

געדרוקט אין דער „וואָרהייט“

# די עלענדע מיידעל

פון אסתר באַלטיק

האַרצרייסענד איז די לאַגע פון דער עלענדער מיידעל אין דער גרויסער, ריעזיגער וועלט־שטאָדט.

איינע אַליין בלאַנקעט זי אַרום, אויסגעזעצט די גרעסטע פערפאָלגונגען און געפאַהרען.

זי האָט מאַנכע פריינד און בעקאַנטע. זי קען זיך אָבער ניט צופאַסען צו זיי. זיי פערשטעהען איהר ניט, זי פערשטעהט זיי ניט, און זי מיידט זיי אויס, און בלייבט עלענד, איינזאַם און אַליין.

איהרע יוגענד־פריינדינס, איהרע חבר'טעס זיינען וויט פון איהר, מאַנכע אין יוראָפּ, אין איהר אַלטער היים, אַנדערע דאָ אין אַמעריקאַ, פערהייראַטה אָדער פערלאָבט.

און ווען זי דערמאָהנט זיך אַן זיי, פיהלט זי זיך נאָך מעהר עלענד, נאָך מעהר איינזאַם, די טעג זיינען לאַנגע, מיעדע, די נעכט נאָך לענגערע, נאָך מיעדערע, זיך שלעפּענדע, ענדלאָזע.

זי האַלט שטענדיג אין זוכען אַ פריינד, אַן אמת'ן פריינד אין לעבען, זי זוכט און קען איהם ניט געפינען. זי בעשולדיגט זיך אַליין. זי בעשולדיגט אַלעמען און אַלעס, אָבער דערפון ווערט איהר ניט לייכטער.

אמת, עס זיינען פאַראַן יונגע לייט, זי קען יונגע לייט, וועלכע שמייכלען זיך צו איהר, וועלכע מאַכען צו איהר חן'דלעך.

אָבער זי וויים, אַז זיי מיינען עס ניט עהרליך, אַז זיי זיינען אויסען נאָר דאָס פּראָזאַישע, דאָס שמוציגע, דאָס קערפּערליכע.

זיי קימערט ניט איהר נשמה, זיי פּערזאינטערעסירען זיך ניט מיט איהרע ליידען און קוואַלען, מיט איהר קימער און בייגקעניש.

זיי ווילען נאָר „איהר“, און דאָס ניט אויף שטענדיג, זיי ווילען זיך אינטערעסירען מיט איהר אַזוי לאַנג ביז זיי ווילען איהר דערגרייכען און זיי וועט איבערדהריסיג ווערען.

דערנאָך וועלען זיי איהר אַוועקוואַרפען, ווי אַן אויסגעדריקטען לעמאָן, און וועלען אַנדערע עלענדע מיידלעך, ווי זי אויסזוכען, און וועלען אָן איהר פערגעסען.

זי וויים עס. זי פערשטעהט עס און פעראַכטעט זיי, און ענטלויפט פון זיי וואוהין די אויגען טראָגען.

פיעל מאָל האָט זיך איהר שוין אויסגעדוכט, אַז זי האָט דעם ריכטיגען פריינד געטראָפען. אָבער שנעל פלעגט זי זיך איבערצייגען, אַז זי האָט אַ טעות געהאַט, אַז „ער“ איז דערזעלבער, ווי אַלע אַנדערע.

זי איז ענטוישט אין לעבען. זי ליעבט אימיצען, וועלכער איז, ווי

זי דיינקט, מיט אַלע מעלות, וועלכער איז איהר אידעאַל, אָבער צו איהם קען זי ניט דערגרייכען, איהם קען זי ניט קריגען.

אפשר...

אפשר, ווען זי זאָל פארבויגען דעם אייגענעם „איך“, ווען זי זאָל זיך אַריינוואַרפען אין תהום, ווען זי זאָל זיך צופריעדען געבען מיט געניעסען אַ ווייילע, ווען זי זאָל האַלטען פון דעם כלל „אַ רגע אפילו, אַבי נאָר געלעבט“, וואָלט זי איהם דערגרייכט.

איז זי אָבער צו קלוג און צו אויסגערעכענט, און זעהט, וואָס די צוקונפט וועט איהר ברענגען, און וואגט דערום ניט צו טהאָן דעם ערנס־טען שריט.

און זי קוועהלט זיך און מוטשעט זיך, שמאַכטעט און ליידעט.

און דאָס לעבען אַרום איז אַזוי פרעהליך, אַזוי שטורמיש, איהר ווילט זיך אַזוי מיטלעבען, מיטשטורמען, מיטגעניסען.

זי האָט אָבער ניט דעם מוטה דערצו. איהר פעהלט די ענערגיע, דעם געוואגטען שריט צו טהאָן.

זי איז צופריעדען, וואָס זי טהוט עס ניט און אין דערזעלבער צייט ליידט זי און פלוכט זיך אַליין.

זי איז צייטענווייז מקנא די יעניגע מיידלאך, וועלכע רעכענען זיך ניט אוים, וועלכע לעבען און געניסען, אָבער זי בעדויערט זיי אין דער־זעלבער צייט, זי ווייס וואָס זייער סוף וועט זיין...

מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט אַזוי לאַנג אויף דער עלענדער מיידעל דערפאַר, ווייל זי איז ניט אַן איינציגע.

הונדערטע, טויזענדע, צעהנדליגע טויזענדע אַזוינע עלענדע מיידלעך זיינען פאַראַן אין די אידישע גהעטאָס פון אַמעריקאַ.

אויף יעדען שריט און טריט קענען מיר זיי בעגעגענען.

גאָר אַנדערס לעבען די קריסטליכע מיידלעך. די מיידלעך פון די אומות העולם. זיי נעהמען דאָס לעבען לייכט, זיי טראַכטען ניט וועגען שפעטער. פאַר זיי זיינען אָפען אַלע טהירען און טהויערען פאַר גליק און פערגניגען און זיי לעבען טאַקי און געניסען פון לעבען.

די עלענדע מיידעל אונזערע פערשטעהט עס. זי ווייס אָבער אַז דער וועג פון דער קריסטליכער מיידעל איז ניט איהר וועג, אַז די פריידען פון דער קריסטליכער מיידעל זיינען ניט איהרע פריידען.

און זי ליידעט, דולדעט און שמאַכטעט, און זי האָפט און וואַרט.

די יאָהרען לויפען, זי ווערט עלטער. זי ציהט נאָך אַלץ צו די אויפמערקזאַמקייט. אָבער אַלץ פון דעמזעלבען טיפ „פריינד“, וועלכע זי האַסט און פעראַכט, און פון וועמען זי איז געצוואונגען צו אַנטלויפען וואוהין די אויגען טראָגען.

ווילט איהר זיך בעקענען מיט דיעזער עלענדער מיידעל? ווילט איהר וויסען וואָס אין איהר נשמה קומט פאָר? ווילט איהר זיך בע־קענען מיט איהרע פריינד און בעקאַנטע, מיט די מענשען מיט וועמען זי קומט זיך צוזאַמען.

מיר זיינען זיכער, אַז יאָ; מיר זיינען זיכער, אַז איהר, אַז יעדער און יעדע פון אונז וועט פון איהר לעבען און איבערציינגונגען פיעל לערנען.

---

## מיינונגען פון לעזער וועגען דעם „טאָגעבוך פון אַן עלענדער מיידעל“.

איך האָף, אַז איהר וועט מיר גיבען אַ שטיקעל פּלאַץ אויסצודריקען מיין מיינונג וועגען דער „עלענדער מיידעל“ פאַר וועלכער מיין בעגייסטערונג איז אונאויסדרוקבאַר.

איך וויל זיך ניט אָפּשטעלען אויף קיין ציטאַטען, וועלכע זיינען ווי פּערעל צושאָטען דאָ און דאָרטען, און שיינען מיט חכמה און געזונדען פערשטאַנד.

איך וויל זיך אויך ניט אָפּשטעלען אויף די פאָטאָגראַפיען, וועמענס געזיכטסציגע זיינען אַזוי בולט, אַז מען קען זיי אַזש מיט'ן האַנד אָננעהמען.

איך וויל אויך ניט אַריינרעכענען די פּסיכאָלאָגישע אַנאַליזען, וועלכע די „עלענדע מיידעל“ מאַכט איבער יענעם און, צו גלייכער צייט איבער זיך אויך, דאָס לאָז איך איבער די לאָגישע קריטיקער, און זיי וועלען אַלעס אַנאַליזירען און זייער עהרליכע מיינונג גיבען. איך אלס אַ לעזער, וויל נאָר ריידען פון דאָס גאַנצע און אויף וויפיעל מעגליך מיין מיינונג געבען.

ס'איז צום בעוואונדערען, ווי לאָגיש, קלוג און קורץ די פאַקטען ווערען איבערגעגעבען. אָפען. און אין דערזעלבער צייט קלינגט דאָס מיט ריהרענדער צניעות. נאָך קיינמאָל האָט קיין שרייבער ניט אַרויסגעזאָגט דעם אמת'ן אמת, ווי אונזער „עלענדע מיידעל“. און קיין מאָהל איז דער אמת און די וואָרנונג דורך איהר ניט געווען אַזוי אַריינדרינגענד ווי יעצט, און ווער שמועסט נאָך דאָ אין דעם „עולם ההפקרות“ וואו אויף שריט און טריט געגענט מען אָן די „צודי נפשות“, און עס דרינגט נאָך וואָס ווייטער דער „הפקר“ אין עולם, איז אודאי ניט מעהר ווי רעכט אַז איינע פון אונזערע גוטע אידישע טעכטער האָט זיך געשטעלט אויף דער וואַך אום „מחזיר עטרה ליושנה“ זיין.

מיט אמת'ער פרייד און דאַנקבאַרקייט קען איך זאָגען דער שרייבערין: „לכי בכחך זה“.

איך, אלס מאַן, קען נאָר מיין ברכה גיבען, אַז „ירבו כמותה בישראל“ והלואי שירבו, וועלען מיר פיללייכט זיך אומקעהרען צוריק צו אונזערע טהרות, גוף, נפש, ומשפחה.

מיט דאַנקבאַרקייט און אַכטונגספאָל,

**א. אסטראָווסקי.**

---

(אין „וואַרהייט“, דינסטאג, דעם 13טען פעברואַר).

איך קען ניט צוריקהאַלטען מיין ענטציקונג און אויך מיין דאַנק צו שוועסטער מרים קאַרפּילאָוו, פיר איהר געניאַלען שרייבען אוים דעם „טאָגעבוך פון אַן עלענדער מיידעל“. ווען אַלע לעזער וואָלטען עס אַזוי ווי איך פערשטאַנען, דאַן וואָלט מען די שרייבערין מיט בלומען פערוואָרפען. ווי נאַטור־טריי זי כאַראַקטעריזירט דעם מאַן. וועלכע פרוי האָט אַזעלכע אַטאַקעס ניט דורכגעלעבט? עס איז אַזוי איינפאַך און יעדעס וואָרט אַזוי נאָהנט צום האַרצען.

מרס. האַדעל שטיין,
22 דריטע עווע., לאָנג בראַנטש.

# די ליידען און פריידען פון אַן עלענדער מיידעל

ווי די „ווארהייט“ האָט אַדוועטייזט דעם בוך „אויס דעם טאַגעבוך פון אַן עלענדער מיידעל“.

האָט איהר זיך פערטראַכט אַמאָל וועגען דעם לעבען פון די טויזענדער און טויזענדער אידישע אימיגראַנטען־מיידלאַך, וואָס קומען אַריבער פון דער אַלטער, ליעבער היים צו זוכען אין דער נייער, פרייער וועלט אַ זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ, אַ לעבענס־פריינד וואָס זאָל זיי געבען גליק און ליעבע.

האָט איהר זיך אַמאָל אָפּגעשטעלט אין אייער געדאַנק אַ טראַכט צו טהון ווי אַזוי די אַלע מיידלעך, די מעהרסטע פון וועלכע זיינען אָהן עלטערען און אָפּטמאָל אָהן פריינד — לעבען דאָ אין דער ריעזיגער, אייביג־רוישיגער שטאָדט, ווי אַזוי זיי פערברענגען אין זייערע בעדרומקעס, און וואָס זיי האָבען איבערצולעבען, איבערצוטראָגען, איבערצופיהלען?

ווייסט איהר, אַז פילע פון די עלענדע מיידלעך לעבען איבער שטילערהייט און פערבאָרגען פון יעדען אויג די טיעפסטע זעעלען־ליידען און טראַגעדיעס, אַז צווישען די איינזאַמע ווענד פון זייערע ציכטיגע בעדרומקעס צאַפּלען זיי זיך און שמאַכטען און האָבען אָנצופיהרען די העלדישסטע קעמפפע?

אויב איהר ווילט זיך מיט אַלעמען בעקענען, אויב איהר ווילט האָבען פאַר זיך אַ קלאָהרע, לעבעדיגע, רעאַליסטישע שילדערונגען אויס דעם לעבען פון די אידישע און איינזאַמע מיידלאַך אין ניו יאָרק, דאַן לעזט

# אויס דעם טאַגעבוך פון אַן עלענדע מיידעל

פון מרים קאַרפּילאָוו

דער בוך האָט אַרויסגערופען אַ געוואַלדיגע אינטערעסע צווישען אַלע קלאַסען לעזער, מיר האָבען געקראָגען הונדערטער ליעב־בריעף פון מענער און פרויען, פון יונגע און עלטערע, פון פיינשמעקער אין ליטעראַטור און פון אַזעלכע וואָס האָבען גלאַט ליעב צו לעזען שפּאַנענדע און אָטהעם־פערכאַפּענדע שילדערונגען.

דיזער בוך עלעגאַנט געבונדען אין סילק קלאָטה קאָסט

בלויז $1.00.

צו בעקומען אין אַלע בוכהאַנדלונגען און ביי

S. Kantrowitz, 129 Lafayette St., New York.